

# מיט א טיפערן בליק

## איבער די פעולות חובקות עולם
## פון ישיבתינו הק'



ישיבה גדולה ומתיבתא
תורה ויראה דרב"י דסאטמאר

ל"ב שנים

# הזמנה מיוחדת

בעזה"י

הננו להזמין את מע"כ הי"ו לבוא ולהשתתף אצל

# סעודת הילולא וסיום הש"ס

## עם "מגבית השנתי"

לטובת החזקת ישיבתינו הקדושה

## ביום ה' פרשת ראה

**כ"ז מנחם אב תשע"א לפ"ק הבעל"ט**

יומא דהילולא קדישא של רביה"ק מרן יואל בן מרן חנני' יו"ט זצוקללה"ה

## בבית המדרש הגדול בקרית יואל

בשעה 7:00 בערב

**בהשתתפות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א**



המחכים לקבל פניכם באהבה והוקרה

**הנהלת הישיבה**



# שטאַרקער שוואונג צווישן תלמידי וחסידי סאַטמאַר צו שטיצן ישיבה גדולה דסאַטמאַר אַלס הכנה צו 32סטע הילולא

**מגבית "עיני ולב"י שם" גאָר וואַרעם אויפגענומען צו די 32סטע הילולא פון מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע - החזקת הישיבה פאַסיגסטע סגולה אויף קבלת התפלה ביים שופך שיח זיין ביים ציון הק' נאָך אַזעלכע ביטערע טראַגעדיעס ל"ע - פאַקס-ליניע געעפענט אין אָפיס פון סאַטמאַרער ישיבה גדולה צו קענען שיקן קוויטלעך פון איבער דער גאָרער וועלט**

קרית יואל. — שלומי אמוני ישראל איבער דער גאָרער וועלט גרייטן זיך אין די טעג מיט גרויס התרגשות צו די 32סטע הילולא פונעם צדיק הדורות מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע וואָס געפאַלט אויס קומענדיגן פרייטאָג, ערש"ק פרשת ראה, כ"ו אב, און גלייכצייטיג זענען סאַטמאַרער חסידים שטאַרק פאַרנומען מחזק צו זיין די גרויסע ירושה פונעם בעל הילולא זי"ע, די באַרימטע סאַטמאַרער ישיבה גדולה אין קרית יואל, ביי די יערליכע כ"ו אב אַקציע וואָס איז באַשטימט להחזקת הישיבה גדולה.

### כל לב"ב דוי

דער טאָג כ"ו אב איז יאָר-יערליך א זמן וואָס ברענגט צונויף טויזנטער און טויזנטער אידן פון איבער דער גאָרער וועלט וואָס קומען שופך שיח זיין אויפ'ן מקום הקודש אינעם אוהל אין קרית יואל, וואו עס איז מקום מנוחת קדשו פונעם בעל הילולא זי"ע. דער ציון המצוינת איז אויך א גאַנץ יאָר א תל תלפיות פאַר אידן פון אומעטום וואָס קומען שופך שיח זיין מר לבבם ונפשם, און פועל'ן אויס אויפ'ן ציון הק' הויפענס מיט ישועות ורפואות פאַר אַלע ענינים. אָבער באַזונדער זעט זיך אָן דער שטראָם ביומא דהילולא רבה, ווען עס קומען צו פאָרן אידן פון נאָנט און ווייט, יעדער מיט זיין פעקל און מצב, און טייכן טרערן ווערן פאַרגאָסן פון אידן וואָס בעטן אויף כל מיני ישועות.

אין בעפאָרגרייטונג צו די היי-יאָר הערשט א ספּעציעלע התעוררות, זייענדיג נאָך א צייט ווען אידן זענען צובראָכן און צושוידערט נאָך די שרעקליכע מאורעות מחרידות וואָס מ'האָט געהערט און מיטגעהאַלטן אין די לעצטע צייטן. כל לבב דוי וכל ראש לחלי פון די אויפטרייסלענדע פאַסירונגען, און אידן גרייטן זיך אויסצונוצן דעם גרויסן טאָג איינצווריסן מיט התעוררות שוין געהאָלפן צו ווערן מיט א גאַנצע ישועה.

אידן האָפן און קוקן אַרויס אַז משמי מעל זאָל דער גרוייסער בעל הילולא זי"ע משים זיין "עינו ולבו" אויף די פילע צרות און פּראָבלעמען וואָס מערט זיך לײדער בבתי בני ישראל, ודבר בעתו מה טוב איז גאָר פאַסיג אין דעם זמן אַרויסצוצייגן וואַרימע שטיצע און חיזוק פאַר די הייליגע סאַטמאַרער ישיבה גדולה, אויף וועלכן דער רבי זי"ע האָט זיך פערזענליך אויסגעדרוקט מיט

## פאַקס ליניע ווידער געעפענט ספּעציעל פאַר "קוויטלעך"

אין בעפאָרגרייטונג צום גרויסן טאָג כ"ו אב, יומא דהילולא רבה פון מרן רביה"ק דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע האָט די הנהלת הישיבה גדולה ווידעראַמאָל געעפענט די ספּעציעלע "פאַקס ליניע" צום באַנוץ פון אלפי ישראל פון איבער דער גאָרער וועלט וואָס געפונען זיך אומעטום ווייט אַוועק, און ווילן זיך מזכיר זיין ביים ציון הק' אין דעם גרויסן טאָג, צו קענען שיקן "קוויטלעך" וואָס וועט פאָרגעליינט ווערן ביים ציון דורך א חשוב'ן מרביץ תורה שליט"א פון די ישיבה גדולה.

דער טאָג כ"ו אב איז שוין יאָרן לאַנג מוקדש לטובת הישיבה גדולה, און ביי אלפי ישראל פון אומעטום איז איינגעקריצט אין זכרון אַז דער טאָג כ"ו אב גייט צוזאַמען מיט די סאַטמאַרער ישיבה גדולה. אין פאַקט ווערן טויזנטער סאַטמאַרער חסידים וואָס באלאגארן דעם ציון הק' ביומא דהילולא רבה און סיי ווען אימער, כסדר נתפעל פון דעם קול תורה וואָס איז מבצבץ ויוצא מבין כותלי הישיבה גדולה וואָס געפונט זיך דאָרט סמוך ונראה, און בשעת'ן מתפלל זיין אין אוהל ווערן די משתטחים באַגלייט מיט'ן כח התורה וואָס קומט אַרויס מבין כותלי הישיבה גדולה.

פילע אידן חסידי סאַטמאַר וואָס וואוינען אין אויסלאַנד, אָדער וואָס געפונען זיך צוליב סיי וועלכע סיבה אויף פאַרשידענע ווייטע מקומות, האָבן פאָרט א תשוקה צו קענען אין דעם גרויסן טאָג זיך מזכיר זיין בקודש פנימה נעבן מקום מנוחת קדשו פון רבי'ן זי"ע, און האָפן צו זיין א טייל פון די אלפי ישראל וואָס פועל'ן אין דעם טאָג אַזעלכע גרויסע ישועות.

נישט פאַר יעדן איז מעגליך אָנצוקומען פערזענליך קיין קרית יואל, און אַלס הכרת הטוב פאַר די תומכי הישיבה גדולה, האָט די הנהלת הישיבה איינגעשטעלט דעם ספּעציעלן "פאַקס ליניע" דורך וועלכע מ'קען 24 שעה אין טאָג אַריינשיקן "קוויטלעך" וואָס וועט פאָרגעליינט ווערן ביום ההילולא דורך חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א פון די ישיבה גדולה.

דער פאַקס-נומער איז 845 782 5178 וואו מ'קען כסדר שיקן "קוויטלעך" בייגעלייגט מיט נדבות דורך קרעדיט קאַרדס און אַנדערע אופנים להחזקת הישיבה, וואָס בזכות החזקת הישיבה וועלן די תפלות און הזכרות זיכער נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

די פיל-זאָגענדיגע ווערטער "עיני ולבי שם כל הימים".

### עיני ולב"י שם

טויזנטער אידן וואָס האָבן במשך השנים געהאַט די זכי' זיך צו דרייען בקרבתו פון דעם איש אלקים קדוש ווייסן צו דערציילן ווי יעדעס ווארט פון דעם צדיק אמת איז געווען געוואויגן און געמאָסטן. יעדעס ווארט האָט געהאַט א באַדייט און איז געווען קראַנט און פונקטליך. און אַז מ'האָט פון רבי'נס מויל געהערט אַזאַ מורא'דיגן אויסדרוק ווי "עיני ולבי שם כל הימים" מיינט דאָס אַז עס איז ווירקליך אַזוי געווען, און דעם רבי'נס גאַנצע חיות איז געווען די הייליגע ישיבה מיט אירע הונדערטער תלמידים.

און ווירקליך איז דאָס טאַקע געווען אַזוי. חסידי סאַטמאַר געדענקט גוט ווי ביים רבי'ן זי"ע איז די ישיבה הק' געווען דאָס ערשטע און וויכטיגסטע זאַך. טראָץ וואָס דער רבי זי"ע, דער גברא דמרא סייעא וואָס האָט זוכה געווען צוריק אויפצושטעלן דעם גאַנצן דור פונדאַסניי, נאָך דעם גרויסן און ביטערן חורבן פון די צווייטע וועלט קריג, האָט דאָך געהאַט אַזויפיל טירדות און אַזויפיל זאַכן וואָס איז געליגן אויף זיין הייליגן מח, דאָך האָט דער רבי זי"ע ממש אַלעס געלייגט אין די זייט ווען עס איז געקומען צו די ישיבה גדולה, און איז געקומען פאַרלערנען שיעורים און זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע עניני הישיבה.

גרייטנדיג זיך אַציִנד צו די 32סטע הילולא כמנין ל"ב, האָט די הנהלת הישיבה גדולה דעריבער פּאַסיג אונטערגענומען דורכצופירן די ברייטע אַקציע "עיני ולב"י שם" וועלכע ברענגט דאָס מערסטע אַרויס דעם קשר אמיץ וחזק וואָס דער גרויסער בעל הילולא זי"ע האָט געהאַט צו די הייליגע ישיבה, און ווי פּאַסיג עס איז אין דעם טאָג מחזק צו זיין דעם רבי'נס ירושה, די ישיבה גדולה דסאַטמאַר.

### בכל ל"ב ובכל מאוד

די הנהלת הישיבה איז אין די טעג גאָר שטאַרק אָנגעוויזן אויף די וואַרימסטע שטיצע פונעם ברייטן ציבור. אָנצופירן א ישיבה אַז היינט נישט פון די לייכטע זאַכן, און ציט אַריין אין אומגעהויערע גרויסע קאָסטן, ובפרט ווען עס איז די רעדע פון אַזאַ גרויסע ישיבה מיט אַזויפיל הונדערטער בחורי חמד שיחיו, צוטיילט אין אַזויפיל באַזונדערע אָפּטיילונגען און בתי מדרשים, מיט אַזויפיל כלי קודש און איינגעשטעלטע, ציט דאָס אַריין אין א בודזשעט פון שווערע מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס די הנהלת הישיבה מוטשעט זיך גאָר שטאַרק צו שאַפן און צו דעקן.

די הנהלת הישיבה קוקט דעריבער גאָר שטאַרק אַרויס אויף די וואַרימע שטיצע פונעם ברייטן ציבור, קעגנצוקומען די ישיבה מיט גרעסערע סכומים, ובפרט זיך אָנצושליסן אינעם באַרימטן מפעל "קונה עולמו בשעה" צו שענקן פאַר די ישיבה די סומע פון לכה"פ 576$ א יאָר.

מטעם הנהלת הישיבה גדולה איז דאָס יאָר ווייטער פּראָקלאָמירט געוואָרן דער גרויסאַרטיגער "גורל" אויף א "חודש תשרי פריי פון הוצאות" אין וועלכן עס וועלן אַריינגיין די אַלע וואָס באַשטייערן מיט'ן סכום פון 576$ להחזקת הישיבה גדולה. די פונקטליכע דעטאַלן פון דעם גורל ווערט באַזונדער באַריכטעט אין היינטיגן נומער, און עס איז ראַטזאַם פאַר די תומכי הישיבה זיכער צו מאַכן אַז מ'האָט אויסגעצאָלט די פולקאָמע סומע וואָס פאַרלאַנגט זיך, כדי צו קענען אַריינגיין אינעם גרויסן גורל.

### הכנה דרבה

גלייכצייטיג גייען אין די טאָג אָן די גרויסאַרטיגע הכנות אויפצונעמען די רבבות אלפי ישראל וואָס וועלן זיך באַטייליגן ביים גרויסן "סעודת הילולא" וואָס וועט געפּראַוועט ווערן דאָנערשטאָג אָוונט ליל שישי, בראשות ממשיך דרכו מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א אין היכל ביהמ"ד הגדול דקרית יואל.

דער גאַנצער ביהמ"ד וועט זיין ספּעציעל אויסגעשטעלט צו קענען אַקאָמאָדירן די אלפי ישראל וואָס באַטייליגן זיך ביי די סעודה, און ווי אַלע יאָרן וועט דערביי אָפּגעראַכטן ווערן די צענטראַלע אַקציע להחזקת הישיבה גדולה.

מער פּרטים איבער די גרויסע סעודה וועט אי"ה פאַרעפנטליכט ווערן אין די קומענדיגע טעג.

עס איז זיכער אַז אידן אומעטום וועלן שפּירן פאַר א זכי' מחזק צו זיין דעם גרויסן כח התורה פון די הייליגע ישיבה, דערמיט זיך איינצוקויפן זכותים עצומים וואָס וועט אויף יעדן מגין זיין געהאָלפן צו ווערן בכל משאלות הלב לטובה ולברכה

# געהויבענער "שבת נחמו" אין סאַטמאַרער ישיבה גדולה מיט הגה"צ אבד"ק סאַטמאַר-וויליאַמסבורג שליט"א

קרית יואל. — די הונדערטער בחורי חמד תלמידי ישיבה גדולה דסאַטמאַר, שיעור א' און שיעור ב' זענען די טעג אונטערן גייסטרייכער רושם פונעם גאָר געהויבענעם שבת נחמו וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן בין כותלי הישיבה צוזאַמען מיט'ן געהויבענעם גאַסט הגה"צ אבד"ק ור"מ סאַטמאַר-וויליאַמסבורג שליט"א, וואָס האָט אַריינגעבראַכט הויפּעס מיט חיזוק והדרכה צווישן די חשוב'ע בחורים שיחיו.

די תלמידים פון די סאַטמאַרער ישיבה גדולה זענען מדי שבוע בשבוע דורכאויס דעם גאַנצן יאָר, געוואוינט מיטצוהאַלטן די גאָר געהויבענע שבתים וואָס זיי האָבן די זכי' מיטצוהאַלטן בצל הקודש פון מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א ראש הישיבה. אין די לעצטע עטליכע וואָכן ווען דער רבי שליט"א האָט געוויילט אויף אָפּרוה אין ניו העמפּשיר, האָבן די בחורים ווייטער געזוכט מיטצוהאַלטן שיינע און געהויבענע שבתים, און אויף יעדן שבת זענען אַריבערגעקומען אין די ישיבה חשוב'ע רבנים, בעלי משפּיעים ומרביצי תורה שליט"א מיט וועמען

די בחורים האָבן געפּראַוועט די שיינע שבתים.

דער הויכפּונקט פון די שיינע שבתים איז געווען דער פאַרגאַנגענעם שב"ק "שבת נחמו" העעל"ט וואָס די בחורים האָבן געהאַט דעם כבוד אַז הגה"צ אבד"ק ור"מ סאַטמאַר-וויליאַמסבורג שליט"א איז כמדי שנה בשנה געקומען פּראַוועט צוזאַמען מיט די בחורים תלמידי הישיבה גדולה. א שבת מיט'ן רב שליט"א אין די ישיבה איז נישט קיין דבר חידוש, נאָכדעם וואָס יאָר יערליך פּראַוועט דער רב שליט"א צוויי שבתים מיט די בחורים, און דער טעם עליון פון די שבתים ליגט נאָך גוט איינגעקריצט אין די הערצער פון די תלמידי הישיבה, וואָס קוקן אַרויס מיט געהויבענע געפילן ווידעראַמאָל מיטצוהאַלטן די שיינע שבתים.

נאָך פאַר שבת האָבן די בחורים זיך געגרייט מיט א געהויבענע הכנה צום שבת במחיצתו פונעם רב שליט"א דורכ'ן לערנען שעות רצופות וספרי חסידות. ווי אַלע וואָכן איז נאָך פיל פריער פונעם זמן כניסת השבת איז דער היכל הביהמ"ד פון די ישיבה גדולה געווען איבערגעפילט מפה אל פה פון די פילע בחורים וואָס האָבן אויסגענוצט די צייט צו מאַכן דעם הכנה לשב"ק מתוך דברי תורה.

אַריינקומענדיג פרייטאָג-צו-נאַכטס אין היכל הביהמ"ד איז דער רב שליט"א נתפעל געוואָרן צו הערן דעם שטאַרקן קול תורה וואָס האָט זיך דאַן געהערט אין ביהמ"ד. דער רב שליט"א האָט יורד געווען לפני התיבה צו תפלת המנחה, און אויך שבת אינדערפרי צו תפלת שחרית, וואָס איז געווען מיט א געוואַלדיגן התעוררות און התלהבות וואָס האָט מיטגעשלעפּט אַלע בחורים צו א געהויבענעם התעוררות. די אַנדערע תפלות האָט געדאַווענט פאַר'ן עמוד הב' החשוב בנש"ק כמר בעריש וואַגשאַל נ"י בן הגה"צ אבד"ק תפארת משה שליט"א, לרגל היאָרצייט פון אמו הרבנית הצדיקת מרים ע"ה בת הרה"ק מספינקא זצ"ל.

די סעודה פון ליל שבת קודש האָט דער רב שליט"א געפּראַוועט צוזאַמען מיט די בחורים, און האָט זיך פאַרצויגן אויף אַריבער פינף שעה נאָכאַנאַנד. דערביי האָט דער רב שליט"א מאריך געווען בזמירות ושירות, און צווישן די מאכלים האָט דער רב שליט"א כסדר פאָרגעזינגען נאָך און נאָך ניגונים, דביקות'דיגע און לעבעדיגע ניגונים וואָס האָט אַריינגעברענגט א געהויבענעם געפיל צווישן די בחורי חמד שיחיו.

בין הפרקים האָט דער רב שליט"א כסדר משמיע געווען ענינים נשגבים אויף די פסוקי פרשת השבוע, משולב מיט הערליכע ענינים מפי ספרים וסופרים, זייענדיג משלב גייסטרייכע דברי הדרכה בדרך משל ומליצה אויף ענינים וואָס איז נוגע אין טאָג-טעגליכן לעבן פאַר יעדן בחור באַזונדער, וואָס די בחורים האָבן געשלונגן מיט גרויס דורשט.

שפּעטער ביי די דברי תורה האָט דער רב שליט"א מאריך געווען בדברי דרוש ואגדה אויף די ענינים פון "שבת נחמו" און שפּעטער האָט דער רב שליט"א דערציילט סיפורים ועובדות פון הרה"ק בעל זרע קודש מראָפּשיץ זי"ע בשייכות מיט זיין גרויסן רבי'ן הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע וועמענס הילולא קדישא עס איז אויסגעפאַלן אינמיטן די פרייערדיגע וואָך, ביום המר תשעה באב.

מיט'ן זינגן "קה אכסוף" האָט דער רב שליט"א מכבד געווען הרבני הנגיד המפואר ר' יצחק ראָזענבערג הי"ו סגן ראה"ק דקהל יטב לב דסאַטמאַר, וועלכער האָט זיך באַטייליגט ביים התוועדות צוזאַמען מיט א גרויסן ציבור תושבי קרית יואל ובפרט תלמידים פון רב שליט"א וואָס האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט מיטצוהאַלטן די שיינע מאָמענטן אין די סאַטמאַרער ישיבה גדולה.

דער קלימאַקס פונעם געהויבענעם שבת קודש איז געווען דער זמן פון "רעווא דרעווין" וואָס דער רב שליט"א האָט געפּראַוועט צוזאַמען מיט די תלמידי הישיבה, ווען דערביי באַטייליגן זיך אויך פילצאָליגע תושבי קרית יואל וואָס האָבן געשעפּט קורת רוח און התפעלות פון דעם געהויבענעם רוחניות'דיגן אַטמאָספערע וואָס הערשט כסדר בין כותלי ביהמ"ד אין די ישיבה גדולה.

נאָכ'ן זינגן די וואַרימע זמירות לכבוד שלש סעודות, און נאָכ'ן פאָרזאָגן די פסוקי היחוד מיט גרויס התעוררות, האָט דער רב שליט"א פאָרגעזינגען פאַרשידענע וואַרימע ניגוני התעוררות ודביקות וואָס האָט אָפּגעהילכט אויף ווייט אַוועק, און איז געווען א ריכטיגע הכנה צו די וואַרימע דברי התעוררות וואָס האָט דערויף נאָכגעפאָלגט. ביי די דברי תורה האָט דער רב שליט"א אַרומגערעדט א שלל מיט ענינים אויף די פסוקי נחמה פון די הפטורת "נחמו" ובין הדברים האָט דער רב שליט"א אויסגענוצט די געלעגנהייט מעורר צו זיין די בחורים אויף די שטאַרקע הכנה וואָס מ'דאַרף שוין אָנהייבן צו מאַכן אין די איצטיגע טעג אויף די ימים הנוראים הבאים לקראתינו לשלום, וואָס ווי מער מ'וועט זיך צוגרייטן אין די איצטיגע טעג וועט מען האָבן מער מיט וואָס צוצוגיין צום יום הדין אום ראש השנה.

צווישן אַנדערן האָט דער רב שליט"א ספּעציעל מעורר געווען די בחורים איבער די ימי "בין הזמנים" וואָס פאַלט אַריין אינמיטן די הייליגע טעג, ווען א בחור דאַרף האָבן א שמירה יתירה, זייענדיג א צייט וואָס מ'קען ליידער פאַרלירן אַלעס וואָס מ'האָט קונה געווען מיט גרויס יגיעה במשך דעם זמן, און מ'דאַרף זיך מאַכן פעסטע גדרים וסייגים נישט אַריינצופאַלן אינעם נעץ פונעם יצר הרע, אדרבה זען נאָך מער צו שטייגן און נתעלה צו ווערן אין אַזעלכע געהויבענע און הייליגע זמנים.

נאָך די וואַרימע ווערטער פונעם רב שליט"א האָט מען ווייטער ממשיך געווען צו זינגן ניגוני התעוררות ודביקות, מאַכענדיג א סיום צו די געהויבענע שעות של קורת רוח וואָס די בחורים האָבן מיטגעלעבט די פרייערדיגע נאָנט צו דרייסיג שטונדן נאָכאַנאַנד.

נאָך הבדלה זענען אַלע בחורים פאַרריבער וואונטשן "א גוטע וואָך" פאַר'ן רב שליט"א, אַרויסברענגענדיג די געהויבענע דאַנקבאַרע געפילן נאָכ'ן מיטלעבן אַזעלכע געהויבענע מאָמענטן דורכאויס דעם גאַנצן שבת קודש.

מנחם משיב נפשי.


**איין שעה אין די ישיבה באַדייט ווירקליך הונדערטער שעות תורה**



קויפט אָפּ דעם זכות דערפון דורכ'ן זיך אָנשליסן אינעם מפעל

**קונה עולמו בשעה**

# מגבית "עיני ולב"י שם" לטובת ישיבה גדולה דסאַטמאַר ברענגט אַרויס נאַסטאָלגישע געפילן

**געטרייע עסקנים זענען שטאַרק טעטיג אויפצואַרבעטן נדבות צווישן תושבי קרית יואל יצ"ו**

קרית יואל. — זעלטן ווען עטליכע מודעות אויף די כותלי בתי מדרש זאָלן ארויסברענגן אַזעלכע נאַסטאָלגישע געפילן ביים ברייטן ציבור, ווי די מודעות וואָס האָבן איבערגעגעבן דעם "מאטא" פון די היי-יעריגע כ"ו אַקציע לטובת הישיבה גדולה דסאַטמאַר, אַלס דער מגבית "עיני ולב"י שם" געצילט מעלה צו זיין זכרונו הקדוש פונעם בעל הילולא ומייסד הישיבה מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע, וועלכער האָט כידוע זיך אויסגעדרוקט אויף די ישיבה הק' מיט'ן פלא'דיגן לשון "עיני ולבי שם כל הימים".

אויב איז דער ציל פון סיי-וועלכע מאטא אַרויסצוברענגען אין קורצסטן וואָס איז מעגליך, די מטרה און באַדייט פון די אַקציע, האָבן די עסקנים פון די סאַטמאַרער ישיבה גדולה געוויס נישט געקענט טרעפן קיין בעסערן אויסדרוק ווי "עיני ולב"י שם" די געציילטע אָבער גאָר תוכנ'פולע ווערטער וואָס שפּיגלט אָפּ גענוי דעם תמצית און באַדייט פון די הייליגע ישיבה אין קרית יואל.

די סאַטמאַרער ישיבה גדולה מיט אירע הונדערטער בחורי חמד מכל קצוי תבל, דאַרף מען נישט היינט פארשטעלן, זייענדיג נודע ומפורסם לכל אַלס דער בית היוצר וואו עס ווערן נתגדל און נתחנך הונדערטער טייערע בחורי חמד, כולם אהובים וברורים וועלכע זענען לשם ולתפארת מיט זייער התמדה, התנהגות, חסידות ויראת שמים וואָס שיינט אַראָפּ פון זייערע פנימ'ער.

און אַז מ'וויל אין קורצן שילדערן די הצלחה פון די ישיבה, איז דאָס טאַקע אין די דערמאַנטע ווערטער "עיני ולבי שם כל הימים". דער רבי זי"ע דער מייסד הישיבה האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר די ישיבה במלא מובן המלה, און האָט זיך דערויף אויסגעדרוקט מיט אַזעלכע געהויבענע ווערטער, אַז זיין גאַנצער מח און הארץ ליגט אים אין די ישיבה הק'.

כמים פנים אל פנים, איז ביז צום היינטיגן טאָג אַן עונג רוחני אַריינצוקומען אין די ישיבה, מיטצוהאַלטן ווי רוחו הקדוש פון רבי'ן זי"ע איז נאָך חופפת אין די ישיבה, און גענוי ווי דער רבי זי"ע האַלט דעם עין ולב בין כותלי הישיבה, אויפ'ן זעלבן פאַרנעם ליגט דער רבי זי"ע שטענדיג פאַר די אויגן פון רבנן ותלמידיהון. אויף יעדע דבר גדול וקטן טראַכט מען בעיקר "וואָס וואָלט דער רבי זי"ע געטון אָדער באַפוילן אין אַזאַ צייט" און אויף דעם וועג איז מען דאָס ווייטער ממשיך אין אַלע הינזיכטן.

אין דעם היינטיגן שווערער זמן, ווען עס ווערט ליידער אַלס שווערער און שווערער דער נושא פון ישיבות פאַר בחורים, שטייט אָבער דער ראש הישיבה מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א על המשמר, אַז אין די ישיבה גדולה זאָל נאָכגיין די אויסגעטרעטענע ליניע, זיך צו פירן לויט די הנהגות וואָס דער רבי זי"ע האָט אַראָפּגעשטעלט און וואָס ער האָט געמאָנט און געפאָדערט. אוודאי פּרובירט מען מיט אַלע כוחות אַלעס צוצופּאַסן לויט'ן היינטיגן געברויך, אַז מען זאָל מצליח זיין מחנך צו זיין בחורים וואָס לעבן און ווערן מחונך אין היינטיגע צייטן, אָבער די יסודות און די דרכים זענען גענוי דאָס וואָס דער רבי זי"ע האָט פאַרלאַנגט און געפאָדערט, טראָץ ווי שווער עס זאָל נאָר אָנקומען.

אָנצופירן מיט אַזאַ מאַסיווע אַפּאַראַט ווי די סאַטמאַרער ישיבה גדולה מיט אַזויפיל הונדערטער בחורים בליעה"ר ציט אַריין אין ריזיגע סכומים געלט, און די הנהלת הישיבה האָט אין קיין פאַל נישט די מעגליכקייט דאָס אַליינס אַהערצושטעלן נאָר מיט די וואַרימסטע שטיצע פונעם ברייטן ציבור תלמידי וחסידי סאַטמאַר בכלל, ובפרט פון תושבי קרית יואל ביי וועמען די ישיבה איז אַזוי נאָנט צום אויג און צום הארץ.

סאַטמאַרער חסידים נעמען טאַקע יאָר-יערליך אַרויס זייער חלק בהחזקת הישיבה גדולה, און ביי אַלע אַקציעס לטובת הישיבה זעט זיך אָן א אויסטערלישע וואַרימקייט ביים ציבור, וויסענדיג אַז די ישיבה הק' איז דער עתיד פונעם ציבור מיט וועלכן מ'וועט אי"ה האָבן די מעגליכקייט ווייטער מחנך צו זיין ערליכע אידישע דורות אויף דעם וועג וואָס רבוה"ק זי"ע האָבן אַלץ געמאָנט און געפאָדערט.

ודבר בעתו מה טוב גרייטן זיך אַצינד תלמידי וחסידי סאַטמאַר איבער דער גאָרער וועלט צו די 32סטע הילולא פונעם מייסד הישיבה מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע, אויף ווען עס איז נקבע געוואָרן דער מגבית "עיני ולב"י שם" מיט'ן ציל מעורר צו זיין לבב נדיבים בעם אַרויסקומען מיט וואַרימע שטיצע להחזקת הישיבה, אַלס א ריכטיגע הכנה דרבה לקראת ההילולא קדישא.

טאַקע צוליב דעם, ווייל די ישיבה איז געווען אַזוי הייליג און טייער בעיניו הבדלוחים פון רבי'ן זי"ע בעל דברי יואל, האָט ממשיך דרכו בקודש מרן רביה"ק בעל ברך משה מסאַטמאַר זי"ע פאַרשטאַנען בדעתו הגדולה, אַז דער יומא דהילולא דצדיקיא דאַרף זיין מוקדש להחזקת הישיבה גדולה אין קרית יואל, אויף וועמענס הצלחה דער בעל הילולא זי"ע האָט אַזוי שטאַרק אַרויסגעקוקט.

היי-יאָר איז נישט אַנדערש ווי די פריערדיגע יאָרן, מיט'ן איינעם אינטערשיד אַז די הנהלת הישיבה איז גאָר שטאַרק אָנגעוויזן אויף אויסנאַם-

וואַרימע שטיצע פונעם ברייטן ציבור, כדי צו קענען ממשיך זיין ווייטער מיט די עבודת הקודש.

טראָץ וואָס די אַקציע איז אין אַלגעמיין פאַר'ן ברייטן ציבור, קאנצענטרירן זיך די עסקני הישיבה בעיקר אויף תושבי קרית יואל וועמענס נדבות עס איז באַשטימט אויפצואַרבעטן אין די וואָכן פאַר די כ"ו אב אַקציע. די עסקנים גייען אַצינד אַרום צום ברייטן ציבור תושבי קרית יואל, און קוקן שטאַרק אַרויס אויף די וואַרימסטע שטיצע פון יעדן יחיד, ובפרט אַז מ'זאָל זיך אָנשליסן אינעם באַרימטן מפעל "קונה עולמו בשעה" זיך אונטערצונעמען לטובת הישיבה די סומע פון ‎$548.

פילצאָליגע תושבי קרית יואל האָבן זיך שוין אָנגעשלאָסן אין די אַקציע, און אין די פאַרבליבענע וואָכן ביז כ"ו אב וועט די אַרבעט פאַרשטערקערט ווערן, מיט די האָפענונג אָנצוקומען צום גאַנצן ציבור תומכי ומחזיקי הישיבה גדולה.

עס איז זיכער אַז פון שטיצן דעם רבי'נס ישיבה אויף וועלכן ער האָט זיך אויסגעדרוקט "עיני ולבי שם כל הימים" וועט דער רבי זי"ע משמי מעל "משים עין" זיין אויף די תומכי הישיבה, אַראָפּצוברענגן משמי מעל השפעות מרובות בכל מילי דמיטב.

---

# תלמידי ישיבה גדולה דסאַטמאַר שיעור א' וב' אונטערן רושם פון געהויבענעם שבת התוועדות

## בראשות הגה"צ רב דביהמ"ד ישמח משה שליט"א בקרית יואל

קרית יואל. — פילצאָליגע בחורי חמד תלמידים פון די סאַטמאַרער ישיבה גדולה, שיעור א' און שיעור ב', זענען די טעג אונטערן געהויבענעם רושם פונעם התרוממות'דיגן "שבת התוועדות" וואָס מ'האָט פאַרגאַנגענעם שבת קודש געפּראַוועט בין כותלי ביהמ"ד פון די ישיבה, בראשות דעם באַרימטן פה מפיק מרגליות הגה"צ המפו' רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א ורב דביהמ"ד ישמח משה בשכונת ברך משה בקרית יואל יצ"ו.

די בחורי חמד פון די סאַטמאַרער ישיבה גדולה זענען מדי שבוע בשבוע צוגעוואוינט צו פּראַווען געהויבענע שבתים במחיצתו פונעם מנהיג העדה וראש הישיבה מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א. אין די איצטיגע וואָכן ווען דער סאַטמאַרער רבי שליט"א ווײַלט אויף אַפּרוה מחוץ לעיר, ווערן די שבתים ווייטער געפּראַוועט אויף א געהויבענעם פאַרנעם, ווען עס ווערן אַראָפּגערופן חשוב'ע בעלי משפיעים ורבנים מובהקים שליט"א וועלכע ברענגען אַריין אין די בחורים א גייסט פון וואַרימקייט און חסידות, פון וואָס די בחורים זענען שטאַרק נהנה.

אויף פאַרגאַנגענעם שבת, שבת פּרשת מסעי, מברכין החודש מנחם אב, שבת ההילולא פון מרן הגה"ק בעל ישמח משה מאוהעל זי"ע, איז איינגעלאַדענט געוואָרן דער חשוב'ער בעל משפיע הגה"צ רב דביהמ"ד ישמח משה שליט"א וועלכער איז נודע בשערים אַלס איינער פון די איינער פון די גדולי הדרשנים וואָס איז כובש לבבות ישראל מיט זיינע פלאַמפּיירדיגע דרשות און שמועסן, און במשך דעם גאַנצן שבת קודש האָבן די בחורים געהאַט די געלעגנהייט זיך מתבשם צו זיין מאור תורתו וצדקתו.

שוין פרייטאָג צו-נאַכטס, אַריינקומענדיג אין היכל הישיבה האָט זיך דערקענט א וואַרימע אַטמאָספערע צווישן די פילצאָליגע בחורים וואָס זענען געזעסן און געלערנט, זיך גרייטנדיג זיך צום שבת קודש מיט אַן הכנה דרבה פון לימוד התורה. צו תפלת המנחה איז דער חשוב'ער רב שליט"א צוגעגאַנגען, און צו קבלת שבת איינער פון די תלמידי הישיבה.

גלייך נאָכן דאַווענען איז געפּראַוועט געוואָרן די סעודת ליל שבת קודש אין היכל העסזאל פון די ישיבה. די סעודה האָט זיך פאַרצויגן אויף באַלד פינף שעה רצופות, וואָס איז געווען איין חטיבה פון העכערער התרוממות הנפש און עונג שבת. במשך די גאַנצע סעודה האָט רבי שמעון זאב שליט"א פאַרגעזינגען וואַרימע ניגונים, און דער קול מנגן פון די פילע בחורים וואָס זינגען מיט וואַרימקייט די זמירות לשב"ק און די אַנדערע ניגוני דביקות האָט זיך דערטראָגן אויף ביז ווייט אַוועק. עטליכע מאָל אינמיטן די ניגונים האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, און דערביי האָט הגה"צ רבי שמעון זאב שליט"א משמיע געווען וואַרימע שמועסן בגודל קדושת השבת בכלל, און אין אַנדערע נושאים עניני הדרכה וחסידות וואָס איז נוגע פאַר יעדן בחור באַזונדער.

בין הדברים האָט דער רב שליט"א אַרומגערעדט פאַרשידענע רמזים איבער דעם זמן פון די גאולה שלימה וואָס דאַרף שוין אָט אָט זיין, און האָט נאָכגעזאָגט ענינים נפלאים, ווי ממש אין די טעג, בימינו אלה הייבט זיך שוין אָן דער זמן פון "מנחה גדולה" פון ערב שבת אין וועלכן זמן מיר געפונען זיך שוין אַצינד, און יעדער איד דאַרף מאַכן די ריכטיגע הכנה מקבל צו זיין פני מלך המשיח.

אינמיטן די סעודה האָט מען עטליכע מאָל זיך אויפגעשטעלט טאַנצן מיט געהויבענע ריקודין וואָס האָט זיך פאַרצויגן מיט גרויס דביקות און התלהבות אויף במשך א לענגערע צייט.

אויך נאָכן בענטשן האָט מען נאָך לאַנג מאריך געווען מיט ניגוני דביקות ושמחה, ווען בין הפרקים איז רבי שמעון זאב שליט"א משמיע מאמרותיו בנעימים מיט גרויס התרוממות, דערציילענדיג באַזונדער א שלל מיט ענינים פון זקינו הגה"ק בעל ישמח משה מאוהעל זי"ע וועמענס יומדה"ל עס איז אויסגעפאַלן בו ביום, דערמי אריינברענגענדיג אין די בחורים רשפי אש להבת, פון זיי האָבן זיך אָנגעשעפּט מיט הויפענס פון הדרכה וחיזוק.

דער קלימאַקס פונעם געהויבענעם שבת קודש איז געווען דער זמן "רעווא דרעווין" וואָס רבי שמעון זאב שליט"א האָט געפּראַוועט צוזאַמען מיט די בחורים. נאָכ'ן זינגען מיט התרוממות די וואַרימע ניגוני שלש סעודות, האָט מען מוסיף געווען פאַרשידענע ניגוני דביקות, און דאַן האָט רבי שמעון זאב שליט"א מעורר געווען בדברי כיבושין ומוסר איבער דעם זמן פון די דריי וואָכן אין וועלכן כלל ישראל געפונט

זיך אַצינד אַלס אבילות נאָך די חורבן בתי מקדש, וואָס דאַרף ארויסברענגגן א געפיל פון השתוקקות ביי יעדן איד.

שלש סעודות האָט זיך פאַרצויגן ביז אַריבער צוויי שטונדן נאָכ'ן זמן מוצאי שבת קודש, און דער גאַנצער שבת קודש איז געווען איין חטיבה פון העכערער התרוממות הנפש וואָס די בחורים האָבן געשעפט דערפון התעוררות און יראת שמים וואָס וועט זיי באַגלייטן אויף שטענדיג.

מוצש"ק איז געפראַוועט געוואָרן די געהויבענע מלוה מלכה, ביי וועלכן מ'האָט ווי אַלע וואָכן געהאַט די געלעגענהייט צו הערן דעם וועכענטליכן שמועס פון הר"ר שמואל שלמה טעלער שליט"א, מיט ידיעות נשגבות בקורות עם ישראל, און איבער די מלחמה לה' בעמלק מדור דור.

דער שיינער שבת איז געווען א גייסטרייכע איבערלעבעניש פאַר די פילצאָליגע בחורים וואָס האָבן אַזוי אַרום געקענט ממשיך זיין דאָס לערנען ברציפות בין כותלי ביהמ"ד.



בס"ד

# ווערט א געלט שותף!

מיטן זיך אנשליסן אין דעם

## קונה עולמו בשעה פראיעקט

ווערט איר א געלט-שותף אין די פילע שעות פון תורה
עבודה וגמ"ח פון די הונדערטער תלמידי הישיבה

וואס מיט דעם האט מען א
חלק אין די קנין עולמות פון
די חשוב'ע תלמידים, און
מ'איז אליין קונה זכותים
אדירים לדורי דורות.



העלפט אונז טראגן דעם עול,
מיטן זיך אנשליסן מיט לכה"פ

**$48 א חודש** > **$576 א יאר**


ל״ב
מי לא
יחרד?
די ימים נוראים
זענען אָט אָט דאָ!
זענען
מיר גרייט
מיט גענוג
זכותים?
נעמט דעם רבי׳ן זי״ע
אַלס מליץ יושר, דורכ׳ן
שטיצן זיין הייליגע
ישיבה וואָס איז געווען
משאת לבב״ו
ונפשו הטהור
העלפט אונז טראגן דעם עול,
מיטן זיך אנשליסן מיט לכה״פ
$48 א חודש
$576 א יאר




גייט ר׳ הערש משה אויף גאַס, ער שפּאַצירט געמיטליך אין ביהמ״ד אַריין, און פּלוצים, ער געט א פּאַל אנידער א פאַר׳חלש׳טער. מאת ה׳ היתה זאת, א איד איז ״פּונקט״ דאָרט דורכגעגאַנגען. ער כאַפּט זיין סעל און רופט די געטרייע חברה הצלה וואָס זענען פלינקערהייט אָנגעקומען.

ביז עטליכע סקונדעס האָט מען דעם איד דערמונטערט, און לויט אַלע סימנים צייגט עס אַז דער איד האָט ל״ע געליטן פון א מילדע הארץ-אַטאַקע.

ר׳ הערש משה איז א גוטמוטיגער אידל, אַלץ האָט ער א ווערטל אויפ׳ן פלאַץ, און הערענדיג אַז ער האָט געליטן א הארץ-אַטאַקע, רופט ער זיך מיט תמימות ״אַזוי? כ׳האָב ניטאַמאָל געוואוסט אַז איך האָב א הארץ״...

יאָ, אַזוי איז דאָס. דער ״לב״ איז איינס פון די וויכטיגסטע, אויב נישט די סאַמע וויכטיגסטע גליד אינעם מענטש. דאָס הארץ קלאַפּט אומאויפהערליך. עס געט אַריין חיות פאַר׳ן גאַנצן גוף, אָבער דער מענטש אַליינס ווייסט ניטאַמאָל אַז זיין לעבן איז צו פאַרדאַנקן זיין הארץ. ער איז אַזוי רגיל דערין, אַז ער שפּירט ניטאַמאָל אַז דאָס הארץ אַרבעט און איז אַזוי וויכטיג פאַר זיין קערפּער.

אַזוי איז דאָס אין פּריוואַטן לעבן, און אַזוי איז דאָס אין עפענטליכן לעבן. דאָס רגילות פון סיי וועלכע זאַך ברענגט דערצו, אַז מ׳כאַפּט ניטאַמאָל אַז דאָס פּאַסירט.

*

32 יאָר (כמנין ל״ב) איז פאַראיבער זינט דאָס הסתלקות פון גאון עוזינו מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע איז נסתלק געוואָרן פון די וועלט. בחיים חיותו האָט דער רבי זי״ע געלאָזט פאַלן ווערטער ״עיני ולב״י שם כל הימים״ מיין הארץ וועט שטענדיג זיין אין די ישיבה, און טאַקע גענוי ווי צוליב דאָס רגילות כאַפּט מען זיך אָפּטמאָל נישט אַז דאָס הארץ אַרבעט אומאויפהערליך, ברענגט דאָס רגילות דערצו אַז מ׳נעמט זיך נישט צו שטאַרק אינאַכט דעם הייליגן און גייסטרייכער אוצר וואָס מיר חסידי סאַטמאַר פאַרמאָגן מיט די הייליגע ישיבה אין קרית יואל!

במשך השנים האָט די ישיבה הק׳ אין קרית יואל ב״ה אַרויסגעגעבן פון צווישן אירע ווענט טויזנטער און טויזנטער תלמידים הגונים בליעה״ר, כולם אהובים וברורים, אנשי שם חסידים ואנשי מעשה אויף וועמען עס איז א ברכה צו מאַכן, ועד היום הזה איז די ישיבה ווייטער דער מקום תורה פאַר פילע הונדערטער בחורי חמד מארבע פינות העולם וואָס זענען אַריינגעטון ראשם ורובם בד׳ אמות של הלכה וחסידות בלבד.

א צייט-אָפּשניט פון 32 יאָר איז לכולא עלמא געגוג א לאַנגער זמן צו פאַרוואַנדלען די צייט אַלס אַ ״הרגל נעשה טבע, און מ׳זאָל זיך אַליינס נישט כאַפּן דעם באַדייט פון די הייליגע ישיבה.

רובם ככולם פון די געוועזענע און איצטיגע תלמידי הישיבה, ווייסן במציאות אַז דער עולם הישיבות ענדיגט זיך נישט ביי די גרעניצן פון קרית יואל, און אַז עס זענען פאַרהאַן אויך אַנדערע ישיבות און מקומות התורה... פאַרהאַן אָבער אַזעלכע וואָס טאַקע מחמת הרגל כאַפּט מען זיך נישט צומאָל איבער דאָס אייגענאַרטיגע חשיבות פון די הייליגע ישיבה, און די געוואַלדיגע זכי׳ און זכות וואָס מ׳קויפט זיך איין מיט׳ן שטיצן די ישיבה הק׳.

שטייענדיג אַצינד אין 32סטן יאָר זינט דאָס התחדשות הישיבה אין קרית יואל זענען מיר מעלה על הכתב א שלל מיט 32 ענינים, מעלות יתירות מיט וואָס ישיבתינו הק׳ איז באַקרוינט, ועל הכלל כולו יצא איז פאַרשטענדליך אַז עס שטעלט זיך נישט אָפּ ביי דעם. די ישיבה איז ב״ה א כליל המעלות ותל תלפיות, און ווירקליך איז עפ״י רוב יעדער איינער פון די תלמידי הישיבה א באַזונדערע מעלה פאַר זיך... מיר וועלן זיך אָבער קאָנצענטרירן אויף בלויז 32 מעלות, וואָס אין דעם אַלעם האָבן א חלק די הונדערטער תומכים וואָס שטיצן די הייליגע ישיבה מיט גרעסערע סכומים, ותן לחכם ויחכם עוד.




# ישיבתינו הק'...

### 1. איז די סאַמע ערשטע זאַך וואָס רביה"ק זי"ע האָט מייסד געווען על אדמת אַמעריקע

מיט זיין זאָרג פאַר אונזער עתיד האָט דער רבי זי"ע פאַרשטאַנען אַז כדי צו קענען לוחם זיין קעגן די טומאה און זוהמה פון אַמעריקע, און כדי צו קענען אַראָפּשטעלן א פעסטן יסוד פאַר די קומענדיגע דורות, דאַרף דאָס ערשטע זאַך שוין זיין גרייט א ישיבה פאַר בחורים.

### 2. איז דער מקום תורה אויף וועלכן רביה"ק זי"ע האָט זיך אויסגעדרוקט "עיני ולבי שם כל הימים"

א זאַך וואָס איז ווירקליך געווען ביים רבי'ן זי"ע. זייענדיג דער מנהיג ישראל ורבן של כל בני הגולה, האָט אויפ'ן רבי'נס קאָפּ געקענט ליגן צענדליגער עניני הכלל והפרט, אָבער ווען עס איז געקומען צו די ישיבה, האָט דער רבי פון אַלעם פאַרגעסן, גייענדיג פאַרלערנען פאַר די בחורים ועוד ועוד. ולשון צדיק נבחר האָט דער רבי זי"ע געזאָגט דעם פלא'דיגן לשון עיני ולבי שם "כל הימים" אין וואָס עס איז געווים נכלל ביז צום היינטיגן טאָג, ווען רוחו הקדוש איז חופפת אויף די הונדערטער תלמידי הישיבה בליעה"ר.

### 3. האָט דער רבי זי"ע האָט אַזויפיל געהאָפּט און געשטערבט דאָס איבערצופלאַנצן קיין קרית יואל

דער צדיק הדורות וואָס האָט אַזויפיל מעורר געווען אויף יראת שמים און קדושה האָט פאַרשטאַנען אַז כדי א בחור זאָל קענען שטייגן ערליך און אָפּגעהיטן "מוז" ער זיך געפונען ווייט אַוועק פון ישיבת כרכים קשה, אַוועק פון די ביטערע נסיונות וואָס די דרויסענדע גאַס שטעלט מיט ליידער מיט זיך פאַר, און דעריבער האָט ער אַזויפיל כוחות אַריינגעלייגט צו קענען אַריבערפירן די ישיבה מחוץ לעיר.

### 4. איז דער מקום קדוש אויף וועלכן דער רבי זי"ע האָט נאָך פערזענליך געלייגט דעם "אבן הפינה" פאַר די נייע בנינים

בשארית כוחותיו, זייענדיג שוין א זקן בן תשעים שנה האָט דער רבי זי"ע זיך מטריח געווען צו קומען לייגן דעם "אבן הפינה" אויף די בניני הישיבה אין קרית יואל, ונעוץ סופו לתחלתו האָט דער רבי זי"ע ווי פאַרענדיגט זיין הייליג לעבן בחיים חיותו עלי אדמות, מיט די הייליגע ישיבה, מיט די זעלבע זאַך מיט וואָס ער האָט געלייגט זיין ערשטע טריט על אדמת אַמעריקע, די הייליגע ישיבה, וואָס דאָס אַלעס צייגט ווי טייער און הייליג די ישיבה איז געווען אין זיינע אויגן.

### 5. דערביי, בשעת'ן הנחת אבן הפינה האָט דער רבי זיך אויסגעדרוקט "איך וועל שטענדיג דאָרט זיין"

ווען די גבאים ומשמשים בקודש האָבן געזאָגט פאַר'ן רבי'ן אַז אַצינד ווען מען וועט אַריבערפירן די ישיבה קיין קרית יואל, וועט דער רבי שוין מערערע מאָל קומען דאַווענען מיט די בחורים, האָט דער רבי זי"ע זיך אויסגעדרוקט מיט א געוואַלדיגן התרגשות ובל"ק: "איך וועל 'שטענדיג' דאָרט זיין" ומדבריו לא נפל ארצה, און ביז צום היינטיגן טאָג זענען די תלמידי הישיבה זוכה אַז רביה"ק זי"ע געפונט זיך צוזאַמען מיט זיי אין די היכלי הישיבה, והכי קרא שמו "דעם רבי'נס ישיבה" זייענדיג דער בנינים אדירים אין וועלכן דער רבי זי"ע געפונט זיך 'שטענדיג'.

### 6. לאחר פטירתו של רבי געפונט זיך טאַקע די ישיבה סמוך ונראה צו מקום מנוחת קדשו

דער רבי זי"ע וואָס האָט זיך אַזויפיל געזאָרגט פאַר די ישיבה און אַזוי אינזינען געהאַט די תלמידי הישיבה, האַלט אַצינד ווייטער אַן עינא פקיחא אויף דעם הייליגן מקום תורה וואָס געפונט זיך אַזוי נאָנט צו מקום מנוחת קדשו, וקול התורה נשמעת הערט זיך דער אומאויפהערליכער קול תורה אַרויס ביז צום אוהל הק' אויפ'ן ביה"ח. דער רבי זי"ע שעפט הויפענס מיט קורת רוח פון זיין הייליגע ישיבה, און מיט'ן שטיצן די ישיבה הק' אין קרית יואל, האָט מען די זכי' פערזענליך מהנה צו זיין רוחו הטהור פון רבי'ן זי"ע.

### 7. דער מקום וואָס רביה"ק בעל ברך משה מסאַטמאַר זי"ע האָט זיך מוסר נפש עס איבערצופלאַנצן קיין קרית יואל

גלייך נאָכן איבערנעמען דעם עול פון די קהלה קדושה "סאַטמאַר" האָט דער רבי זי"ע בעל ברך משה דאָס ערשטע זיך גענומען צו די ישיבה. דער רבי זצ"ל האָט ספּעציעל אַריינגעלייגט איבערמידליכע כוחות צו קענען אויספירן רצון קדשו פון מרן דודו זי"ע, אַרויסצופירן די ישיבה קיין קרית יואל, א זאַך וואָס איז ב"ה פאַרווירקליכט געוואָרן נאָך בלויז א האַלב יאָר נאָכן רבי'נס הסתלקות, קיץ תש"מ לפ"ק, ווען צום רבי'נס שמחה איז קיין גרעניץ נישט געווען.

### 8. דער מקום אויף וועלכן דער רבי בעל ברך משה זי"ע האָט ממנה געווען בנו הגדול מרן רבינו הגה"ק שליט"א אַלס "ראש הישיבה".

דער ערשטער שריט מרומם צו זיין דעם קרן הישיבה איז געווען מיט דעם וואָס דער רבי זצ"ל האָט ממנה געווען בנו הגדול יבלחט"א מרן רבינו הגה"ק שליט"א אַלס ראש הישיבה. במשך השנים איז מרן רבינו שליט"א אויסגעשטיגן אַלס וועלטס-ראש ישיבה, אַן אַמט וואָס רבינו שליט"א האַלט ב"ה אָן ביז צום היינטיגן טאָג לאויש"ט, וואָס טראָגט די פילע טירדות, איז דער רבי שליט"א מקדיש צענדליגער שעות בין כותלי הישיבה, וואו די תלמידי הישיבה זענען כסדר מקבל השפעה אויף א געוואַלדיגן פאָרנעם.

### 9. דער ביהמ"ד וואו דער רבי בעל ברך משה זי"ע פלעגט אין די ערשטע יאָרן אַליינס עוסק זיין בתורה

מן ההר אל העם האָט דער רבי זי"ע בעל ברך משה זיך אַראָפּגעגלאָזט און האָט אין די ערשטע יאָרן זיך פערזענליך אַריינגעזעצט אין היכל הישיבה, וואו ער האָט עוסק געווען בתורה צוזאַמען מיט חשוב'ע חברותות מתלמידי הישיבה גדולה. די דעמאָלסדיגע תלמידי הישיבה דערציילן מיט נאָסטאַלגיע פון יענע ליכטיגע זמנים, ווי דער רבי זי"ע איז געזעסן מיט אַזויפיל ענוות חן, און די בחורים מופלגים האָבן געהאַט א כסדר'דיגן ציטריט צום רבי'ן זי"ע בכל העניינים.

### 10. דער מקום אויף וועלכן רבינו שליט"א האָט זיך אויסגעדרוקט "לפרוש ממנה אי אפשר. די ישיבה איז בתוך לבבי".

קוים א טאָג דערויף וואָס מרן רבינו שליט"א האָט זיך אויפגעשטעלט פון די שבעת ימי האבל נאָך זיין גרויסן פאָטער מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע, און רבינו שליט"א איז צוריק אין זיין באַליבט אָרט, די הייליגע ישיבה "כי

שם ביתו" ושם אוה למושב לו, צו פאַרבלייבן א מרביץ תורה וראש ישיבה פאַר די בחורים הגונים קרוים בנים. ביי די 'ערשטע' דרשה וואָס דער רבי שליט"א האָט געהאַלטן נאָכן איבערנעמען דעם כתר הרבנות פון קהל עדתינו ק"ק סאַטמאַר אומעטום, האָט רבינו שליט"א דאָס ערשטע זאַך קלאָר-געשטעלט, פון די ישיבה שיידט מען זיך נישט, ווייל "לפרוש ממנו אי אפשר" וואָרום "די ישיבה איז בתוך לבבי" א זאַך וואָס איז א ווירקליכער פאַקט, ווי די תלמידי הישיבה איבערצייגן זיך דאָס כסדר.

### 11. וואו א גרויס חלק פון די מרביצי תורה שליט"א זענען ממובחרי תלמידי רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

זייענדיג אַזאַ פּיליעריגער מקום תורה, וואו בחורים ווערן שוין איבער זעכציג יאָר נתגדל און נתחנך, ציילן זיך היינט צווישן די מרביצי תורה שליט"א א שיינער מספר תלמידי חכמים מופלגים, וועלכע האָבן נאָך זוכה געווען מקבל צו זיין לקח והדרכה מפי רבינו זי"ע נאָך אין די בראשית יאָרן פון די ישיבה, און דעם זעלבן דרך געבן די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א ווייטער איבער פאַר די טייערע בחורי חמד תלמידי הישיבה.

### 12. וואו מען לייגט כוחות אַז יעדער בחור זאָל בעזהשי"ת שטייגן דרגות רמות כפי מדרגתו

שווערע כוחות און אַן איבערמידליכע האַראָוואַניע ווערט אַריינגעלייגט צו באַגלייטן יעדן בחור "פערזענליך" לויט זיינע כוחות און כשרונות. דער פאַקט אַז אַזויפיל הונדערטער בחורים זענען יעדן סוף יאָר גרייט צום פאַרהער אויף גאַנצע מסכתות און מקצועות התורה איז א ריכטיגער איבערצייג אויף די געוואַלדיגע כחות וואָס עס ווערט אַריינגעלייגט, והזורעים בדמעה ברנה יקצורו. די געטרייע חברי הנהלת הישיבה אַרבעטן איבערמידליך, און זענען אפילו גרייט צו הערן קריטיק... מ'פּראָבירט אַלע אופנים, און מ'לאָזט זיך קאָסטן שווערע "מיליאָנען" דאָלאַרן, כסדר צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן דעם כח התורה אין די הייליגע ישיבה, אַלעס "נאָר" פאַר די הצלחה פון די איציגע און צוקונפטיגע תלמידי הישיבה.

### 13. וואו די גרעסטע גאוני דורינו שליט"א זענען שוין אַרויס פון התפעלות פון דעם טיפן בקיאות וואָס בחורים צייגן אַרויס ביים זיך פאַרהערן ביי זיי בכל המקצועות.

די ישיבה איז א בית היוצר וואו עס דרייען זיך אַרום די צוקונפטיגע גדולי ישראל... אָבער נישט בלויז דאָס. אין די ישיבה קומען כסדר אַראָפּ די סאַמע גרעסטע גדולי ישראל, אידן וואָס ד' חלקי שולחן ערוך איז שגור על פיהם מיט א זעלטענעם בקיאות, און דאַך גייען זיי פשוט אַרויס פון התפעלות ביים פאַרהערן די בחורי חמד תלמידי הישיבה, וואָס זענען גרייט צום פאַרהער אויף פאַרשידענע מקצועות התורה. די איצטיגע גדולי ישראל שליט"א זענען מעיד אויף א שיינעם מספר תלמידי הישיבה, אַז זיי זענען דער ליכטיגער עתיד אויף די גאַלעריע פון די גדולי ישראל.

### 14. וואו מען איז מקפיד אויף המשכת הדרך פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, לערנענדיג בעיון ובעמקות כפי שיטת מרן החתם סופר זי"ע

שוין שווער אין די היינטיגע צייטן צו האַלטן א ישיבה מיט'ן דרך הלימוד וואָס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט געמאָנט און געפּאָדערט. בעצם איז עס אפשר נישט אַזוי שווער, ווי אַז עס איז פיל פיל לייכטער איינצופירן אין די ישיבות די נייע דרכי הלימוד אשר לא שערום אבותינו. בחורים כאַפּן זיך צומאַל מער צו צו די נייע דרכים, און מ'קען לייכטער אָפּקויפן די בחורים דערמיט. אָבער וויסענדיג ווי שטאַרק דער רבי זי"ע איז געווען דערקעגן, און ווי ווייט עס איז פון ריכטיגן דרך הלימוד, איז די ישיבה הק' פון די איינציגסטע מקומות התורה וואו מ'האַלט זיך מיט א פעסטקייט צום דרך הלימוד וואָס דער רבי זי"ע האָט געפּאָדערט אַז מ'זאָל לערנען בעיון ובישרות, כפי שיטת מרן החתם סופר זי"ע, ופירותיהם מעידין איז דאָס צום זען פון די פילע מקצועות שלימות אויף וואָס די בחורים שטעלן זיך כסדר צום פאַרהער.



### 15. וואו הונדערטער בחורים פאַרהערן זיך יאָר-יערליך א גאַנצע מסכת אין ש"ס

ווי מרן רביה"ק זי"ע האָט איינגעפירט, לערנט מען כסדר דורך א גאַנצע מסכת בשלימות מתחלתו ועד סופו. גלייך אָנהייב יאָר ווען מ'הייבט אָן צו לערנען די מסכת, לערנט מען מיט א ציל און שטרעבונג אָנצוקומען דורכצולערנען די גאַנצע מסכת, און דערויף עס איבערצו'חזר'ן מרישא ועד גמירא. סוף יאָר איז יאָר-יערליך א מחזה הוד מיטצוהאַלטן ווי הונדערטער תלמידי הישיבה בליעה"ר שטייען אין די ריי, און שטעלן זיך צום פאַרהער אויף די גאַנצע מסכת. אַזוי איז מען מסיים דעם זמן מיט א מסכת שלימה, און מ'גרייט זיך צום יום הדין מתוך עסק התורה.

### 16. וואו צענדליגער בחורים זענען כסדר מסיים מסכתות שלימות, געלערנט אין אייגענע זייטיגע זמנים

אויף דער איניציאַטיוו פונעם ראש הישיבה מרן רבינו הגה"ק שליט"א זענען פילצאָליגע בחורים אָנגעשלאָסן אין די באַרימטע חבורה "ים התלמוד" אין וועלכן מ'חזר'ט איבער און מ'לערנט פרישע מסכתות אין ש"ס. צו יעדע שטיק צייט שטעלן זיך די בחורים צום פאַרהער אויף די מסכתות וואָס מ'האָט פריש געלערנט און גע'חזר'ט, און עס איז א תענוג רוחני צו שטיין פנים אל פנים מיט יונגע בחורים וואָס האָבן שוין ממלא כריסם געווען מיט אַזויפיל מסכתות שלימות בכל הש"ס.

### 17. וואו די בחורים חריפים האַלטן מיט די באַרימטע "סוגיא שיעורים" פון רבי'ן שליט"א

די בחורים חריפים מתלמידי הישיבה האָבן מזמן לזמן דעם געהויבענעם עונג רוחני, מיטצוהאַלטן די באַרימטע "סוגיא שיעורים" וואָס כ"ק רבינו שליט"א לערנט פאָר אין די וואָכן וואָס איז באַשטימט פאַר לימוד הסוגיא. די בחורים זענען זיך מפלפל כדרכה של תורה, און עס איז א געוואַלדיגע געלעגנהייט פאַר די בחורים זיך צו לערנען א גלייכן דרך הלימוד בסברה ובפלפול ביים נאָכגיין דעם שביל הישר מיט וואָס דער רבי שליט"א לערנט אָפּ יעדע סוגיא.

### 18. אויסער לימוד העיון, לייגט מען אויך כוחות אויף לימוד הלכה, און הונדערטער בחורים זענען בקיאים נפלאים אין גאַנצע מקצועות התורה

אין ראַם פון פריערדערמאָנטן דרך הלימוד פון מרן החתם סופר זי"ע, ווערט געלייגט א ספּעציעלן דגוש אויף לימוד הלכה, א זאַך וואָס איז ליידער נזנח אין פילע מקומות התורה. אין די ישיבה האַלט מען זיך פעלזן-פעסט צו דעם דרך, ותלי"ת הערט מען כסדר פון נאָך און נאָך בחורים וואָס האָבן זיך משלים געווען אין נאָך א מקצוע בתורה, וואָס איז מרומם דעם שם טוב פון די ישיבה הק'.

### 19. וואו צענדליגער בחורים ווערן יערליך נתעטר בכתר "שבת שבתון" אָדער "יורה יורה"

זייענדיג עוסק דורכצולערנען מקצועות בהלכה, זענען כסדר פאַראַן בחורים מופלגים וואָס זענען זוכה צו זען א ברכה בפרי עמלם, און שטעלן זיך צום פאַרהער ביי די גדולי הרבנים שליט"א אויף גאַנצע מקצועות בשולחן ערוך, ובפרט אויף גאַנץ הלכות שבת, אָדער אויפ'ן חלק ההוראה ביורה דעה. די רבנים הגאונים שליט"א גייען אָפּטמאָל אַרויס פון התפעלות פון זייער אַזוי קלאָרע ידיעות אין די מקצועות און זענען מעטר די בחורים בנזר "ההוראה" אָדער נזר "שבת שבתון" וואָס די קלאָרע ידיעה אין אַזעלכע וויכטיגע הלכות, באַגלייט זיי אויף שטענדיג.

באַזונדער זענען הונדערטער אנ"ש עדות ווי ביים אַריינגיין אל הקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א, שטייען כסדר גרייט עטליכע בחורים וואָס וואַרטן אַריינצוגיין זיך צו פאַרהערן אויף

גאַנצע מסכתות אָדער מקצועות בשולחן ערוך. נישט וויניג וואָכן ווען אלפי אנ"ש ליינען מיט דורשט די שיחות קודש וואָס ערשיינט אין מדור "משולחן מלכים" טרעפט מען זיך אָן ווי רבינו שליט"א בעט די רבנים הגאונים שליט"א אַז מ'זאָל פאַרהערן די בחורים וואָס געפונען זיך דאָן אינעווייניג, און עס ברענגט א געוואַלדיגע קורת רוח פאַר'ן ציבור צו באַקומען דערביי א זייטיגן בליק אויף די פירות פון די ישיבה הק'.

### 20. וואו איוסער די רעגעלמעסיגע שיעורים בגפ"ת ושו"ע, זענען דאָ שיעורים אין אַנדערע מקצועות, ובפרט שיעורים בספרי חסידות ועניני השקפה

כדי צו געבן די מעגליכקייט פאַר יעדן בחור צו שטייגן לויט זיינע כשרונות, זענען ספעציעל צוגעשטעלט פאַרשידענע זייטיגע לימודים אין וואָס בחורים קענען זיך משלים זיין, ווי שיעורים בחושן משפט וכדומה, אויף וועלכן עס זענען עקסטער געשטעלט חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א בקיאים ומופלגים אין די מקצועות. דאָס איז איוסער די רעגעלמעסיגע שיעורים בספרי חסידות ובעניני השקפה וואָס ווערט פאַרגעלערנט דורך באַרימטע מרביצי תורה שליט"א וועמענס שיעורים און דרשות עס איז שטאַרק אויפגעכאַפּט דורך אידן איבער די וועלט, געהערט אויף די טעלפאָן ליניע פון "קול סאַטמאַר".

### 21. וואו א בחור ווערט אַוועקגעשטעלט מיט א יסוד אויף די ימי הבחרות און בכלל אויף זיין גאַנץ לעבן

א שטאַרקע דגוש ווערט געלייגט אין די ישיבה, אַראָפּצושטעלן פאַר די בחורים א יסוד עצום וואָס זאָל זיי באַגלייטן סיי בימי הבחרות און סיי אויף שטענדיג. די מרביצי תורה שליט"א זענען כסדר משמיע וואַרימע מוסר שמועסן, און האַלטן אַן עינא פקיחא אויף יעדן בחור, מיטצוהאַלטן פערזענליך זיין התנהגות ברוחניות. מזמן לזמן פאַרפירן די מרביצי תורה שליט"א פערזענליכע שמועסן מיט די בחורים, אין וועלכן מ'פלעכט אַריין הויפענס מיט דברי הדרכה, וואָס שטעלט אַראָפּ א פעסטן יסוד פאַר'ן בחור אויף שטענדיג.

### 22. וואו די תלמידים הערן כסדר די וואַרימע מוסר שמועסן פונעם ראש הישיבה מרן רבינו הגה"ק שליט"א מלאים וגדושים מיט יסודות'דיגע דברי הדרכה וחיזוק אויפ'ן טאָג-טעגליכן לעבן

ביני עמודי דגירסא הערן די בחורים כסדר די וואַרימע מוסר שמועסן און דברי הדרכה וואָס כ"ק מרן רבינו שליט"א ראש הישיבה איז משמיע עטליכע מאָל אין די וואָך ביי זיינע באַרימטע "תהלים שיעורים" יעדעס מאָל אין אַן אַנדערע ביהמ"ד פון די היכלי הישיבה.

דערביי פלעכט רבינו שליט"א אַריין גאָר שטאַרקע דברי הדרכה מיט יסודות נשגבים אויף אַלע ענינים וואָס איז נוגע פאַר א איד, התמדה, יראת שמים, מדות טובות, השקפה און הדרכה אויף אַלע ענינים, וואָס באַגלייט די בחורים אויף שטענדיג.

### 23. וואו חשוב'ע רבנים ובעלי דרשנים שליט"א ווערן כסדר איינגעלאַדענט אויפצוטרעטן פאַר די בחורים בדברי פי חכם חן

אין צוגאָב צו די דרשות פון די מרביצי תורה שליט"א ובראשם מרן רבינו הגה"ק שליט"א, הערן די בחורים אָפטמאָל הערליכע דרשות פון חשוב'ע רבנים הגאונים שליט"א וועלכע ווערן איינגעלאַדענט אין די ישיבה, און זענען משמיע וואַרימע דברי חיזוק והדרכה אויף פאַרשידענע נושאים בהשקפה והדרכה, פון וואָס די בחורים שעפן אוצרות מיט יראת שמים און חסידות אויף זייער גאַנץ לעבן.

### 24. וואו די בחורים געפונען זיך זיבן טעג א וואָך, אַריינגערעכנט אויף "שבת קודש" וואָס האָט א געוואַלדיגע השפעה

די ישיבה איז א מיוחדת במינה מיט דעם וואָס דער גאַנצער זמן גייט אָן בלי הפסק. א בחור וואָס קומט אַרויסצופאָרן אַנהייב זמן אין די ישיבה, האָט די ברייטסע מעגליכקייט מקיים צו זיין דעם "שבתי בבית ה' כל ימי חיי" און נישט דאַרפן אַוועקפאָרן און צוריקקומען פון און צו די ישיבה, וואָס נעמט געוועגליך אטאמאטיש אַוועק דעם רציפות און חיות התורה וואָס הערשט צווישן די בחורים.



### 25. וואו עס זענען דאָ געהעריגע סדרי לימוד יעדן ערב שבת, שבת נאָכמיטאָג, מוצאי שבת און זונטאָג אינדערפרי

דער איינשטעל אַז די בחורים בלייבן אין די ישיבה אויף א "גאַנצע" וואָך, ברענגט דערצו אַז אויך אין אַזעלכע זמנים ווען עס איז כמעט נישט דאָ קיין תורה אויף די וועלט, און רובם ככולם פון די היכלי הישיבות זענען פאַרשלאָסן, שפראָלט אָבער אַרויס פון די היכלי ישיבתינו הק' א קול תורה אדיר, אָנגעהויבן פון פרייטאָג איבערן טאָג ביז נאָנט צום זמן כניסת השבת, שבת אינדערפרי, שבת נאָכמיטאָג, מוצאי שבת און אפילו זונטאָג אינדערפרי און פאַרמיטאָג.

### 26. וואו די בחורים האַלטן מיט די גאָר געהויבענע און גייסטרייכע שבתים מיט'ן ראש הישיבה מרן רבינו הגה"ק שליט"א

אויסער דער עצם פאַקט אַז די בחורים פאַרבלייבן אויף שבת קודש אין די ישיבה, האָבן די בחורים די גרויסע זכי' צו פראַווען די שבתים צוזאַמען מיט'ן ראש הישיבה מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועלכער איז מקדיש דעם עריכת שולחן הטהור בליל שבת קודש ספעציעל מיט די בחורי חמד, און פראַוועט די וועלט באַרימטע סעודות ביי וועלכן די בחורים שעפן זיך אָן מיט הויפענס פון התרוממות נפש, ריתחא דאורייתא וסיפורי חסידות מיט וואָס דער רבי שליט"א פלאַמט אויף די הערצער פון די בחורים. דאָס איז איוסער וואָס די בחורים האַלטן מיט די געהויבענע תפלות, ובפרט די הייליגע מאָמענטן בשעת רעווא דרעווין, וואָס ברענגט אַריין א געוואַלדיגן התעוררות צווישן די חשוב'ע בחורים.

### 27. וואו די בחורים פראַווען געהויבענע שבתות התוועדות מיט באַרימטע בעלי משפיעים שליט"א

אין די וואָכן וואָס מרן רבינו שליט"א געפונט זיך אויף אָפרוה, ווערן אַראָפּגערופן אין די ישיבה באַרימטע בעלי משפיעים און חשוב'ע רבנים הגאונים שליט"א וועלכע פראַווען דעם גאַנצן שבת מיט די בחורים, און ביי אַלע סעודות און תפלות זענען די רבנים הגאונים שליט"א משמיע דברי חיזוק והדרכה וואָס לאָזט איבער א רושם אדיר אויף די חשוב'ע בחורים.

### 28. וואו די בחורים האָבן כסדר די מעגליכקייט מיטצוהאַלטן די וואַרימע תפלות צוזאַמען מיט'ן רבי'ן שליט"א

א דאַווענען אין די ישיבה איז גוט באַקאַנט מיט איר געוואַלדיגן התעוררות ווען די בחורים דאַווענען מיט אַן התלהבות און חשק, ובפרט ווען די בחורים האָבן די זכי' צו דאַווענען בצוותא חדא מיט'ן רבי'ן שליט"א וואָס פלאַמט אויף די הערצער פון די בחורים צו דאַווענען מיט א חסידישן ברען און פלאַקער. פילע אידן וועמען עס קומט אויס צו לייגן תפילין פאַר זייערע בר מצוה בחורים ביי מרן רבינו שליט"א אין די היכלי הישיבה, ווערן נתפעל פון די וואַרימע

תפלות, און בענקן זיך צוריק "מי יתננו ירחי קדם" ווידעראַמאָל צו קענען מיטהאַלטן די וואַרימע תפלות וואָס מ'האָט אַליינס געדאַווענט בימי הבחרות.

### 29. וואו די בחורים געפונען זיך א גאַנץ יאָר ווייט אַוועק פון די רווישיגע טריפה גאַס

בעצם געפונט זיך די ישיבה אין די שטאָט קרית יואל, וואו מען איז אָפּגעזונדערט פון די שווערע רוחניות'דיגע איבלען וואָס די דרויסענדע "גאַס" ברענגט מיט זיך. אָבער אויך אין קרית יואל זעלבסט געפונט זיך די ישיבה הק' אויף א אָפּגעזונדערטע שטח וואו מ'איז אין קיין פאַל נישט אויסגעשטעלט צו די פילע נסיונות וואָס די גאַס ברענגט מיט זיך כסדר.

### 30. וואו די בחורים ווערן מחונך עוסק צו זיין בפעולות צדקה וחסד כפי רצון מרן רביה"ק זי"ע

א ספעציעלע דגוש ווערט געלייגט אַז די בחורים זאָלן כסדר עוסק זיין בפעולות צדקה וחסד, און די בחורים גייען כסדר אַרום שאַפן גרויסע געלטער פאַר פאַרשידענע ערליי צדקה צוועקן, ווי עס איז געווען רצון קדשו פונעם מייסד הישיבה מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע.

### 31. אַנדערש ווי דער שטייגער אומעטום, ווען עס די רעדע פון אָננעמען בחורים איז ביי אונז אין די ישיבה אינגאַנצן נישט קיין פאַקטאָר דער נושא פונעם "שם טוב" אויף די ישיבה

האַלטענדיג פאַר די אויגן אַז די ישיבה איז דער גולת הכותרת פון "אַלע" אנ"ש אומעטום, האַלט מען זיך פעסט צו דרכו הבהירה פונעם מייסד הישיבה מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וואָס יבלחט"א דער רבי שליט"א פאָדערט כסדר, אַז יעדער בחור האט פלאַץ אין די ישיבה, אָפּגעזען צו עס איז אין איינקלאַנג מיט'ן "שם טוב" אויף די ישיבה צי נישט. דער עיקר פאַקטאָר ביים אָננעמען תלמידים איז אַלץ "נאָר" דער תכלית פון יעדן תלמיד, און אויך ווען עס איז פיל לייכטער זיך צו באַנוצן מיט פאַרשידענע אויסריידן, ווערט אָנגענומען יעדער תלמיד וואָס איז גרייט זיך צוצושטעלן צו די סדרי הישיבה.

### 32. וואו אנ"ש קענען זיין פאַרזיכערט פאַר די איצטיגע און צוקונפטיגע דורות

גרויסע כוחות ווערן אַריינגעלייגט אין אַלע אָפּטיילונגען פון די ישיבה, צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת אַז די ישיבה איז צוגעשטעלט לויט די היינטיגע סטאַנדאַרטן און געברויכן, צו קענען נאכקומען די כסדר'דיגע פרישע שוועריקייטן מיט וואָס דאָס פירן א ישיבה ווערט מער און מער פאַרבינדן. די אַלע כוחות ווערן אַריינגעלייגט אַלעס נאָר צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת דעם עתיד פון אונזערע דורות אויף ביז משיח'ס טאָג.

**כהנה וכהנה קען מען אויסרעכענען נאָך און נאָך מעלות יתירות, וואָס איז צו קורץ אויסרעכענען אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל.**

**אַלס "תוספות ביאור" וואָלט זיך געוויס אויסגעפעלט אַרויסצוברענגען ווי שטאַרק יעדע איינע פון די מעלות קאָסט עקסטער אָפּ ריזיגע סכומים געלט פאַר די הנהלת הישיבה, ועוד יותר וויפיל עס קאָסט אָפּ די מעלות וואָס זענען נישט דאָ אויסגערעכענט...**

**וואָס עס איז זיכער אַז די הנהלת הישיבה שוינט נישט קיין מיה און קיין כח, און לייגט אַריין אַסטראָנאָמישע סכומים, אַלעס נאָר כדי צו הייבן דעם ניוואָ און סטאַנדאַרט פון די ישיבה, אך ורק לטובתם פון די איצטיגע און צוקונפטיגע תלמידי הישיבה.**

**אַז עס איז די רעדע פון "יענעם" קען מען אַמאָל אָפּלייגן די צדקה אויף אַן אַנדערע צייט. עס איז אָבער די רעדע פון זיך אַליינס. יעדער סאַטמאַרער חסיד באשר הוא שם איז אָנגעוויזן אויף די הצלחה פון די הייליגע ישיבה וואו זיינע אייגענע קינדער און אייניקלעך ווערן און ווערן אי"ה ווייטער נתחנך און נתגדל ווערן, וואָס דעריבער דאַרף די ישיבה ווירקליך זיין די "ערשטע" און "וויכטיגסטע" צדקה ביים ציבור אנ"ש.**

**פאַר די "ל"ב נתיבות" די פילצאָליגע מעלות וואָס די ישיבה פאַרמאָגט, דאַרף מען געבן "ראשית תרומה" די ערשטע און גרעסטע נדבות.**

**ובזכות זה וועלן יעדער זוכה זיין צו זען תענוג ונחת פון בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות על ישראל שלום, וזכות רביה"ק וועט מגין זיין אויף יעדן איינעם להתברך בכל מילי דמיטב**



# כסף נבחר לשון צדיק

הִקְדַּשְׁתִּי אֶת הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר בָּנִתָה, לָשׂוּם שְׁמִי שָׁם עַד עוֹלָם; וְהָיוּ עֵינַי וְלִבִּי שָׁם, כָּל-הַיָּמִים. (מלכים א, ט)

רד"ק: השגחתי ורצוני יהיה שם כל הימים






העלפט אונז טראגן דעם עול,
מיטן זיך אנשליסן מיט לכה"פ

$48 א חודש

$576 א יאר

# בְּכָל לֵב

כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א ריש מתיבתא, נושא על שכמו עול
הכבד של החזקת ישיבתנו הק', **והיו על ל"ב אהרן**

# וּבְכָל נֶפֶשׁ

ישיבתינו הק' הוא **משאת נפשו ול"בבו הק'**, ובה יושב ועוסק בהרבצת
תורה ויראה תמידין כסדרן על דרך אבותיו הק'

# וּבְכָל מְאֹודוֹ

באו לעזרת ה' בגבורים **בל"ב ונפש!** הרימו תרומת ידכם המלאה להקל
את משא הכבד הרובץ על שכמו הטהור, וברכת צדיק יחול על ראשכם



העלפט אונז טראגן דעם עול,
מיטן זיך אנשליסן מיט לכה"פ

**$48 א חודש** **$576 א יאר**

א. אַלטשיין, לעיקוואָוד

# מיין באזוך אין ישיבה



(בריוו ערהאַלטן אויף ענגליש, און איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אידיש)

צו די חשוב׳ע מנהלים פון די גרויסע ישיבה אין קרית יואל.

איך גלייב אַז עס איז אייך שווער צו ליינען אויף ענגליש, אָבער דאָס איז מיין היימשפּראך, מיט דעם בין איך אויפגעוואַקסן, און איך בעט ביי אייך אַנטשולדיגונג. איך מוז פשוט אויסגעבן מיינע געפילן פאַר איינעם.

ס׳איז געווען פאַרגאַנגענע וואָך דינסטאָג, ווען מיין אויטאָ האָט מיך געפירט קיין קרית יואל, א שטאָט וואָס איז מיר ביז דאַן געווען אומבאַקאַנט. כ׳האָב שוין געהאַט געהערט פון די שטאָט, אָבער עס איז מיר אין לעבן נישט איינגעפאַלן אַז עס וועט מיר אַמאָל אויסקומען צו באַזוכן אין די שטאָט וואָס איז אַזוי ווייט פון דעם ליטווישן לעבנסשטייגער און ישיבה׳שע געדאַנקן-גאנג פון די שטאָט לעיקוואָוד וואו איך וואוין.

מן השמים האָט מען אַנדערש געוואָלט. א געוויסע צרה האָט זיך ל״ע אנגערוקט צו מיר אין שטוב, און גוטע פריינט האָבן מיך געראָטן צו קומען מתפלל זיין אויפ׳ן הייליגן אָרט וואו עס ליגן באַהאַלטן די סאַטמאַרער רביים זצ״ל. אַסאַך פון מיינע גוטע פריינד האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן שוין געזען אָפענע ישועות נאָכ׳ן מתפלל זיין דאָרט, און איך האָב אָנגענומען זייער ראַט.

איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט נעבן די מצבות פון די סאַטמאַרער רבי׳ס, און איך האָב געשפּירט אַז איך האָב גע׳פועל׳ט אויף אַלעס אויף וואָס איך האָב געבעטן.

נאָך א לענגערע ווייַלע בין איך אַרויס פון אוהל, און א קול האָט זיך דערטראָגן צו מיינע אויערן. עפּעס א רעש׳יגע שטימע וואָס האָט אויסגעזען ווי א קול תורה. כ׳האָב גלייך געזען דעם גרויסן בנין וואָס זעט זיך אַרויס קעגן איבער די טיר פון וואו מ׳קומט אַרויס פון אוהל, און כ׳האָב געטראַכט, אַז איך בין שוין דאָ וועל איך שוין צוגיין א בליק טון, וואָס ס׳איז דער קול.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אויף אַלעם האָב איך געקענט טראַכטן, אויף "דעם" נישט!

נאָכאַמאָל, איך וואוין דאָך דאָ אין לעיקוואָוד, און איך דאַרף אייך נישט זאָגן, ס׳איז א שטאָט וואו עס פעלן נישט קיין ישיבות, און איך בין שוין צוגעוואוינט צו הערן קול תורה׳ס אַרויסקומען פון פאַרשידענע בנינים. איך אַליינס בין ביז נישט לאַנג צוריק געווען א ישיבה-מאַן, און דער ישיבה-לעבנסשטייגער איז מיר גוט באַקאַנט. פאָרט אָבער בין איך אַרויס פון התפעלות (אפשר צוליב מיין ביז איצטיגע טעות אַז נאָר אין די ליטווישע ישיבות לערנט מען? קען זיין...)

אָבער מעשה שהי׳ כך הי׳. אַריינקומענדיג פונעם טויער וואָס פירט צום ביהמ״ד פון דעם בנין, האָט זיך ביי מיר אַנטפּלעקט א בילד וואו הונדערטער בחורים זיצן איבערגעבויגן איבער די גמרות, און עס האָט אויסגעקוקט ווי בשעת מעשה ווייסן זיי נישט פון עפּעס אַנדערש. די וועלט האָט זיך גע׳רעש׳ט מיט פאַרשידענע נייעסן און אויפטרייסלענדע עפּיזאטן, אָבער די בחורים האָבן ווי פאַרגעסן פון אַלעם, (וואָס ווייס איך, אפשר האָבן זיי ניטאַמאָל געוואוסט דערפון?...) און זענען געזעסן און געלערנט מיט א געוואַלדיגע התמדה וואָס האָט מיך באמת באַנומען.

כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז ישיבה וואָס געפונט זיך נעבן סאַטמאַרער רב׳ס ציון, איז א "סאַטמאַרער ישיבה" און כ׳האָב מיך דערמאַנט אַז כ׳האָב שוין אַמאָל געהערט רעדן פון די ישיבה, ובפרט עטליכע יאָר צוריק, ווען דער ראש הישיבה, דער סאַטמאַרער רבי זאָל זיין געזונט, איז געקומען צו אונז קיין לעיקוואָוד, וואו ער האָט אויפגעטרעטן מיט א שיינעם פּלפּול ביי די ישיבה דינער. אין מיינע געדאַנקן איז דאָס אַלץ געווען א ישיבה וואו עטליכע בחורים זיצן מיט א קאַווע אין די הענט, און מ׳פאַרברענגט געמיטליך מיט חסידישע מעשיות... כ׳האָב מיך בכלל נישט פאָרגעשטעלט אַז אין א חסידישע ישיבה לערנט מען אַזוי פלייסיג און מיט אַזאַ קול תורה.

אַז איין טעות איז מיר פאַרשוואונדן געוואָרן, האָב איך געזוכט דאָס צווייטע. זינט איך בין אויפגעוואַקסן ווייס איך אַז אפילו אין די חסידישע ישיבות וואו מען לערנט יאָ, איז דאָס אויבערפלעכליך און ווי "געדאַוונט"... כ׳האָב פּראָבירט צוצוגיין צו א חברותא פון צוויי בחורים, און פרעגן א קשיא אויף די גמרא אין מסכת פסחים וואָס די בחורים לערנען, וואָס ס׳איז פונקט געווען די מסכת וואָס כ׳האָב גרונטליך געלערנט מיט צוויי יאָר צוריק. כ׳האָב אָבער קיינעם נישט געוואָלט שטערן, און כ׳האָב געזוכט א חברותא וואָס האַלט פונקט נישט אינמיטן לערנען. כ׳האָב לאַנג געזוכט און נישט געטראָפן...

ענדליך זעה איך ווי א בחור האָט פונקט פאַרענדיגט א לענגערן שמועס מיט זיין מגיד שיעור (פון זייערע מאשענס מיט די הענט, מיט׳ן גראָבן פינגער אַרויף, פיר



פלאַכע פינגער אויסגעשטערעקט וכדו׳ האָט נישט אויסגעקוקט אַז זיי האָבן איבערגעשמועסט וועלטליכע פּאָליטיק...) און ער גייט צוריק אויף זיין פּלאַץ, האָב איך פאַרשטאַנען אַז ער איז צו אים קען איך צוגיין. איך גיי צו און איך פרעג אים א קשיא אויף די גמרא וואָס דרוקט מיך שוין לאַנג, זינט איך האָב עס געלערנט מיט עטליכע יאָר צוריק.

דער בחור קוקט מיך אַזוי אָן, ער פאַרשטייט קוים וואָס איך רעדט צו אים מיט מיין צובראָכענעם אידיש און גאַנצן ענגליש, אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט זיך איבערצוצייגן אַז דער בחור קען אויך א גאַנץ פיינעם צובראָכענעם ענגליש, און אַזוי זענען מיר זיך דורכגעקומען... איך האָב געפרעגט דעם בחור די קשיא, און ער ענטפערט מיר אויפ׳ן פּלאַץ אַז דער מהרש"א פרעגט עס (אָה, פונקט דאָס איז מיר נישט בייגעפאַלן...) איין שמועס ברענגט דאָס צווייטע, און מיר האָבן זיך געטראָפן פאַרטיפט אין דעם תוספות אויף יענעם עמוד און וואָס איך בין געווען גוט אויסגעקאָכט. איך בין באמת באַאיינדרוקט געוואָרן. דער בחור האָט אַזוי גוט זיך אויסגעקענט אין די גמרא, און עס איז מיר באמת געווען א חידוש ווי אַזוי די קרית יואל׳ער ישיבה בחורים לערנען אַלעס מיט אַזאַ קלאָרקייט און גלייכקייט (אפשר נאָך אפילו גלייכער ווי ביי אונז...)

אינדערצווישן האָב איך געזען אַז אַן אַנדערער בחור שטייט דאָרט פון די זייט, און קוקט אַזוי אַביסל נערוועזערהייט. כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז איך האָב צוגענומען פון דעם בחור זיין חברותא... מענטשליך וואָלט געווען פון מיר אַז איך זאָל דעם בחור גלייך אָפּלאָזן... עס האָט זיך מיר אָבער נישט געגלוסט... עס האָט מיך אַזוי שטאַרק געצויגן נאָך מער צו פאַרברענגען מיט דעם בחור, און אַנשטאַט אים אפצולאזן האב איך דעם צווייטן בחור אויך אריינגענומען אינעם שמועס. כ׳האב אים געפרעגט ווי אזוי ער האט דאס און דאָס אפגעלערנט, און איך מוז אייך זאגן, כ׳האב מיך געשעמט פאר מיר אליינס. די חסידישע בחורים האבן גאר גוט ארויסגעהאט די סוגיא, מער ווי דער ליטווישער בן תורה...

אָט אָט איז שוין געוואָרן הפסקה (לאָנטש-טיים) און ערשט דאַן האָבן פילע ישיבה בחורים אין-אַכט גענומען אַז א פרעמדער מאַן איז אַריינגעקומען. דער שמועס צווישן אונז דריי וואָלט זיך געוויס נאָך פאַרצויגן, אָבער איינער פון מיינע מיטשמועסער האָבן מיר געזאָגט אַז ער איילט זיך שוין, ווייל ער דאַרף שוין באַלד לערנען מיט זיין אַנדערע חברותא. "איך פאַרשטיי נישט" זאָג איך אים. ס׳איז דאָך איצט לאָנטש? דערציילט ער מיר נאַטורליך, אַז ער האָט א עקסטערע חברותא אויף לאָנטש-צייט דורכצולערנען א געוויסע מקצוע! צופיל חידושים אויף איין טאָג... יונגע בחורים פאַרהערן זיך גאַנצע מקצועות התורה? איך האָב נאָך אַזאָנס נישט געהערט! אשרי להם!

אַזויפיל האָב איך מיך יאָ דערוואוסט פון די צוויי בחורים, אַז דאָס איז נישט די איינציגסטע ביהמ"ד. ס׳איז דאָך נאָך צוויי בתי מדרשים וואו בחורים לערנען. עפּעס א "היכל ברך משה" איז דאָ אונטן פון די באַרג. (ווי איך פאַרשטיי איז דער נאָמען אין זכרון פונעם צווייטן סאַטמאַרער רבי׳ן זצ"ל ביי וועמענס ציון איך האָב פאַר דעם געהאַט באַזוכט). אַז איך בין שוין דאָ האָב איך אויסגענוצט די צייט, און איך בין אויך דאָרט אַראָפּגעגאַנגען. און ווייטער זענען מיינע אויגן געווען צוגעשמידט צו די טיר. אַזויפיל חשוב׳ע בחורים זענען געזעסן און געלערנט. זיי האָבן געמאַכט אויף מיר א מורא׳דיגן איינדרוק, און פאַרגעסט נישט, דאָס איז אַלעס געווען בשעת לאָנטש, ווען די בחורים דאַרפן בעיקר זיך אויסלופטערן...

מיין טאָג האָט זיך מיר שוין אויסגעצאָלט, און ערשט ווען איך האָב מיך אַריינגעזעצט אין די קאַר האָב איך מיך געכאַפּט... איך בין "איצט" געווען אין א ישיבה? ס׳איז דאָך "בין הזמנים" אויף די וועלט? אונזערע ישיבות זענען עפ"י רוב פאַרשלאָסן אין די איצטיגע זומער חדשים, און עס איז נישט דאָ קיין ישיבה, און דאָ לערנען די בחורים מיט אַזויפיל התמדה, כאילו ס׳איז געהעריג אינמיטן זמן?

עס ליגט מיר אין די ביינער וואָס מיין ראש ישיבה זאָל זיין געזונט זאָגט כסדר נאָך פון דעם גרויסן בעל מוסר רבי ישראל סאַלאַנטער זי"ע, א מענטש דאַרף כסדר גיין אַרויף. שטיין אויף איין פּלאַץ קען מען נישט! אויב גייט מען נישט אַרויף גייט מען אטאמאטיש אַראָפּ!. די ישיבה אין קרית יואל גייט אַרויף אַן אָפּשטעל! מ׳שטעלט זיך נישט אָפּ אינמיטן זומער!.

מיינע געדאַנקן האָבן מיך צוריקגעפירט צום אָרט וואו איך האָב אָנגעהויבן מיין באַזוך, ביים הייליגן ציון פונעם סאַטמאַרער רבי׳ן זצ"ל. ווי עס שיינט מיר איז דאָס אַלעס דער גרויסער כח פונעם הייליגן סאַטמאַרער רבי׳ן רבי יואל זצ"ל וואָס האָט מייסד געווען די ישיבה!

אַסאַך אַסאַך איז נאָך פאַרבליבן אין מיין פּענע, און כ׳האָב נאָך אַסאַך צו שרייבן פון דעם צו-קורצן באַזוך וואָס כ׳האָב אָפּגעשטאַט אין די ישיבה, אָבער אויף איצט וועט דאָס מוזן זיין גענוג, און אַלס הכרת הטוב לייג איך צו א קליינע נתינה (מער ווי מיינע מעגליכקייטן) דערמיט אַרויסצוברענגען מיינע געפילן פון דעם געהויבענעם מקום תורה.

זייטס ווייטער מצליח, און איך האָף בקרוב מיך צוריקצוקערן מיטצוהאַלטן א טאָג אין די ישיבה.

יש"כ

אייער נייער ידיד

א. אלטשיין פה עיה"ת לעיקוואוד

# ל"ב פעמים ח"י = $576

תומך יקר! ביומא דהילולא רבא הבעל"ט,
ראה והבט על ההזדמנות פז העומד לפניך

### זכות שותפות
## "קונה עולמו בשעה"

$48 לחודש · $576 לשנה

**עם אחד מתלמידים היקרים דישיבתינו הק'**

בזכות שותפות זה תזכה לקנות עולמך בחייך, שותפות מלאה במאות שעות של לימוד התורה ועבודה, הבל פיו של תלמיד הישיבה תשב"ר שאין בהם טעם חטא' בלימוד שעות רבות בהויות דאביי ורבא ובחלקי שלחן ערוך אשר עליהם הושתת תבל, וכח התורה של בחורי חמד בימי הנעורים הרי הוא היסוד והבסיס לכל ימי חייהם, **וא"כ ידך על העליונה ליקח בזה שכר טוב לעד ולנצח נצחים.** וזכות המצוה כי רבה הוא יגן בעדך ובעד ביתך להתברך ביום הגדול הזה לכל מילי דמיטב.

## לאו בכל יומא מתרחש לך מקח טוב כזה

# חכם ל"ב יקח מצות



## מגבית השנתי - כ"ו אב, ה' ראה הבעל"ט

ביהמ"ד הגדול קרית יואל בשעה 7:00

# גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם

מרן רביה"ק זי"ע בעל ההילולא, היה במשך ימי חייו לבן של כל ישראל, מארבע פנות העולם אליו באו להתברך בדבר ישועה ורחמים, ובגודל כח קדושתו פעל ישועות בקרב הארץ.

גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, מה כאן עומד ומשמש אף שם עומד ומשמש, להשפיע חסדים טובים להולכים לאור נתיבתו וקדושתו, ובפרט לכל העושים והמעשים לטובת החזקת מוסדותיו הק' אשר הקים בדם לבבו.

בעת שתעלו לציון הק' ביומא דהילולא קדישא, לשפוך שיח לפני קל רם ונשא על משאלות לבבכם, הרימו תרומת ידכם להחזקת בית הגדול לה' אשר עינו ול"בו שם, ובזכות זה תתפקדו לחיים טובים ולשלום.




## פועל'ט אויס אלעס גוטס!

## מגבית השנתי - כ"ו אב, ה' ראה הבעל"ט

ביהמ"ד הגדול קרית יואל בשעה 7:00

# אורכו של כבש ל"ב אמה

די לעצטע 32 יאר האט ישיבתינו הק' ארויסגעגעבן
טויזנטער תלמידים, וואס זענען כסדר

# געשטיגן

**מעלה מעלה על**
**במתי התורה והחסידות**

האט א חלק אין די
צוקונפטיגע דורות מיט'ן
שטיצן די הייליגע ישיבה



## מגבית השנתי - כ"ו אב, ה' ראה הבעל"ט

ביהמ"ד הגדול קרית יואל בשעה 7:55

# מה תמר זה אין לו אלא ל״ב אחד

(מגילה יד.)



שלשים ושתים שנה מפריד בין יום המר ״כוא״ב תשל״ט״, יום שניטל העטרה בפטירת אבינו רועינו מרן בעל דברי יואל זי״ע, לבין הזמן הזה שאנו עומדים בו. בדחילו ורחימו ול״ב מלא רגש מתכוננים אנשי שלומינו בכל מקומות מושבותם לערוך את יום ההילולא הל״ב כראוי וכיאות, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

ביום הגדול הזה כאשר נעלה ונראה למקום ציון המצויינת קודש הקדשים, נעלה על לבבינו את פעולת צדיק לחיים, גולת הכותרת של מוסדותיו הקדושים שייסד עלי ארץ, **״ישיבה גדולה ומתיבתא תורה ויראה דרבינו יואל״**, הוא ישיבה רבתי שהעמידו על קברו, אשר משם יוצא תורה ויראה לכל ישראל.

מצב הכלכלי של ישיבתינו הק׳ ירדה באופן קשה עד מאוד, מצד אחד עלו ההוצאות למעלה ראש, ומצד השני עמך ישראל צריכין פרנסה ונתמעטו ההכנסות, ודין גרמא שאי אפשר להמשיך בעבודת הקודש מבלעדי עזרתכם ותרומת ידכם של כל אחד ואחד מאנשי שלומינו.

רבינו הקדוש בעל ההילולא ומייסד ישיבתינו זי״ע עומד וקורא לנו, תלמידיו וחסידיו ההולכים לאור שיטתו הקדושה והבהירה, בואו נא חזקו נא את האי מבצר הגדול משאת נפשו וחייו, כמו שהביע אומר בדברים נוראים לפני הסתלקותו.

**עיני ול״בי שם כל הימים.**



# ל״בי ובשרי ירננו

דער שם טוב פון א

## שבת אין ישיבה

## קלינגט איבער דער גארער וועלט

---

**ווי הונדערטער בחורים זענען זיך**
**מתענג מנועם זיו קדושת השבת**
**בשירות ותשבחות מיט א חסיד'ישן**
**ברען בצילו דמהימנותא פונעם**
**ראש הישיבה מרן רבינו שליט״א**

---

מיט אייער שטיצע להחזקת הישיבה
האט איר א פערזענליכן חלק דערין

## מגבית השנתי - כ״ו אב, ה׳ ראה הבעל״ט

ביהמ״ד הגדול קרית יואל   בשעה 7:05

מיט רשות פון דעם נייעם חודש'ליכן גליון פון חסידי סאטמאר - "אוצרות", דערלאנגען מיר דעם אינהאלטסרייכן ארטיקל איבער דעם געוואלדיגן כח הצדקה פון רביה"ק זי"ע

יישר כח פאר די רעדאקציע פון "אוצרות" פאר די ערלויבעניש צו קאפירן דעם ארטיקל.

מרדכי דוד עסטרייכער

מצודתו פרוסה:

# ר' מאַניס ערשטוינט פון רבי'נס זאָרג פאַר פרעמדע מוסדות

**ווינטער תשכ"א:**

א הערכסט שטורעמיש יאר אין די אידישע וועלט ווען מרן רבינו הק' זי"ע ערשיינט מיט זיין הייליג ספר "ויואל משה", געשריבן בדם לבבו, ווי דער רבי אליין דריקט זיך אויס אויפן שער בלעטל "בזכות אבותי ורבותי". צווישן אנשי שלומינו איז שוין געווען באקאנט מיט עטליכע יאר פריער, נאך ווען דער רבי זי"ע האט געזאגט די באקאנטע "וישלח תורה" נאך די 'סיני מלחמה' אין יאר תשי"ז, אז דער רבי גרייט זיך ארויס צו קומען מיט א קלארן ביאור איבער די שלש שבועות און דער חומר האיסור פון נעמען א מדינה פאר ביאת הגואל.

ווי נאר דער ספר איז ארויס האט די אידישע וועלט אויפגעפלאקערט. מען האט דעם ספר ארויס געשיקט איבער די גאנצע וועלט בכל מקום אשר דבר המלך ודתו מגיע כדי צו לאזן וויסן דעם קלארן דעת תורה. באלד האט מען אפגעשיקט איינצלנע ספרים צו אנשי שלומינו אין ארץ ישראל מיט די שנעלסטע וועג אויף די לופט פאסט, און הערשט שפעטער זענען אנגעקומען די גרעסערע קוואנטום'ס פונעם ספר. (בלויז דעם ערשטן טייל חלק א' מאמר שלש שבועות האט מען דאן געדריקט). עס איז דאן געווען א שטארקער חשש אז מ'וועט נישט לאזן פארקויפן דעם ספר אין א"י ווייל דער ספר איז געצילט קעגן די מדינה, פונקט ווי דער ציוני'סטישער צענזור האט דאן נישט געלאזט פארקויפן דעם ספר "מן המיצר" פון הגאון הצדיק מצילן של ישראל רבי מיכאל דוב ווייסמאנדל זצ"ל ראש ישיבת נייטרא.

ווען דער הייליגער חיבור "ויואל משה" איז אנגעקומען קיין בני ברק, האט מען שנעל געגומען דעם ספר ערב שבת און אנגעצייכנט אלע וויכטיגע שטיקלעך וואס זאל ווערן איבערגעגעבן ברבים פארן ציבור. יענעם ליל שבת קודש איז הרה"ח הישיש ר' לייבוש שווארץ הי"ו מכובד געווארן ארויף צו גיין אויפן באלעמער אינעם סאטמארן ביהמ"ד אין בני ברק און פארלערנען ברבים די אנגעצייכנטע שטיקלעך וואו דער רבי דריקט זיך אויס שארף אינעם ערשטן מאמר שלש שבועות. עס זענען דארט געווען אנוועזנד אויך פרעמדע אידן וואס זענען נישט געווען דוקא קיין סאטמארער חסידים וואס האבן געוואלט הערן וואס דער רבי שרייבט אין ויואל משה. אט די פייערדיגע ווערטער האבן געמאכט א שטורעם אין די גאס, ובפרט אין די שטאט בני ברק ווי דאס מערהייט פון די שטאט זענען פון שיכטן און קרייזן וואס האבן געשטיצט די מדינה ובעיקר די קרייזן פון אגודת ישראל.

שב"ק צופרי איז די נייעס פון די שארפע אויסדריקן וואס דער רבי שרייבט אין ויואל משה נאך מער פארשפרייט געווארן אין די גאס. דאס האט געברענגט א געפערליכן שטורעם. אין די גאס האט מען פארגעווארפן סאטמארער חסידים איבער די שארפע לשונות פון רבי'ן.

הרה"ח ר' יצחק דייטש ע"ה וועלכער איז געווען א סאטמארער חסיד נאך פון דערהיים אין סאטמאר, האט דאן פונקט אנגעטראפן זיינס א באקאנטן, א גער'ער חסיד מיטן נאמען ר' מאַניס זינטיצקי. זיי האבן זיך געקענט פון די לאגערן



אונטן איז די גאס "מעלות זיטניצקי", אויבן זעט מען די ישיבת אמרי אמת וואס רבי מאַניס איז געווען פון אירע גרינדער

## ר' יחיאל מנחם מאַניס ב"ר אברהם דוד זינטיצקי ז"ל

ר' מאַניס איז געבוירן געווארן אין די שטאט קאליש צו זיינע עלטערן וועלכע האבן געשטאמט פון גערער-קאצקער חסידים. פון די פריעסטע יוגנט יארן איז ר' מאַניס געווען א גבור חיל, בגשם וברוח.



אויסער זיין התמדה יומם ולילה אין די שטובלעך אין גער, איז ער געווען פיזיש א גיבור און געטרייער עסקן. ווען מ'האט געדארפט אנפירן חסיד'ישע חבורות, אדער ארגאניזירן שיעורי תורה איז ר' מאַניס געווען דער ראש וראשון.

ער איז אלץ געשטאנען ביי די שורות ביים טיש נאך ביים אמרי אמת זצ"ל. (אין גער איז נישטא קיין פארנטשעס, נאר מ'שטייט אין שורות, און אלס מער פארנט שטייט מען מער צונויפגעפרעסט, מ'מוז האבן גאר שטארקע כוחות אויסצוהאלטן דעם געדרענג אין די פאדערשטע שורות). קיין שום דרוק האט נישט געקענט אוועק רירן ר' מאַניס פון זיין מקום קבוע ביים טיש.

זיין ערשטע דרייסטע שריט איז געווען אמאל ביים אנפירן א דרשה קעגן פרעמדע גייסטן. ער האט זיך געשטעלט פארנט פון דעם בעל דרשן און אריין געהויבן קלאפ פון די 'אויפגעקלערטע' וועלכע האבן געוואלט שטערן די דרשות, אבער ער האט זיך נישט גערירט פון פלאץ. ווען א איד האט נאר געדארפט סיי וועלכע טובה איז ר' מאַניס געווען דער אדרעס, צוריק צו ברענגען א בחור צו אידישקייט – ר' מאַניס; מייסד זיין א ישיבה – ר' מאַניס; לערנען מיט קינדער – ר' מאַניס; אנפירן א יום טוב – ר' מאַניס; חסידים פארן צום רבי'ן – ר' מאַניס.

ווען די גרויזאמע דייטשע שטיוול האבן איבערגעטרעטן די פוילישע שטעט, האט ר' מאַניס מיט זיינע גאלדענע הענט און הארץ געגרינדעט א פאבריק וואס האט פאבריצירט שיך און שטיוול פאר די מיליטער. פון אויבן אויף האט מען פאבריצירט שיך אבער די אמת'ע מאטיוו איז געווען צו ראטעווען אידן פון טויט. אונטער די נאז פון די דייטשן האט מען דארט געלערנט

גמ׳ תוס׳ ראשונים און אחרונים וואו ר׳ מאַניס איז געווען דער ראש המדברים.

די צרות האבן זיך פארשטארקט און מ׳האט צוטיילט די משפחות. די נאציס ימ״ש האבן אפגעטיילט ר׳ מאַניס מיט זיין ווייב און קינדער, ער איז פארבליבן בלויז מיט זיין עלצטער זון יוסף משה וועמען מ׳האט שפעטער געשאסן ר״ל פארנט פון זיינע אויגן. ביטערע שלעק האט ר׳ מאַניס געכאפט פארן חטא פון לייגן תפילין, אבער ער האט נישט פארגעסן דעם ״ובכל נפשך ובכל מאודך״. זייענדיג א גוטער בעל תפלה מיט א געבענטשטע שטימע האט ער דארט אין לאגער געמאכט א מנין יו״כ נאכמיטאג ווען מ׳איז צוריק געקומען פון די שווערע ארבעט. ר׳ מאַניס וועלכע האט געהערט אמאל פון זיין רבי׳ן דער בעל אמרי אמת אז מ׳דארף קענען אלע תפלות אויסעוויניג האט זיך צוגעשטעלט צו תפלות נעילה זאגנדיג אויסעוויניג די תפלה, ביי דעם פיוט ״אנקת מסלדיך...״ איז א דייטש אריין געקומען און צושטערט דעם מנין.

ווען די רשעים האבן געהייסן די גרופע פון ר׳ מאַניס צו קערן די גאסן מיט בעזימעס, האט ר׳ מאַניס גענומען דעם בעזים און מיט א פרייליכן מארש געזינגען ״והוא שעמדה... שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו״. די רשעים האבן געמיינט אז די אידן קערן מיטן ניגון ווי א מארש, אבער דעם ריכטיגן באדייט פון די ווערטער האבן זיי נישט פארשטאנען.

ווען די ביטערע מלחמה האט זיך געענדיגט האט ר׳ מאַניס מקיים געווען ״ויעמוד בין המתים ובין החיים״, שטייענדיג צווישן לעבעדיגע און טויטע, ווען עס האבן זיך פארזאלמט פילע הונדערטער פליטים אין עסטרייך אין די די-פי לאגערן, זאלצבורג, לינז, בינדערמיכל און באדעגסטיין. איז ר׳ מאַניס ארום געלאפן פון איין לאגער צום צווייטן אריין צו בלאזן א פרישע חיות אין די צובראכענע נשמות, צומאל מיט ביקור חולים און צומאל מיט הלוית המת, 100׳טער מתים זענען באגראבן געווארן דורך ר׳ מאַניס און זיינע שלוחים מיט א פונקטליכע רשימה.

דורך ר׳ מאַניס איז געגרינדערט געווארן א פאלקס קיך וואו עס ווערט געקאכט כשר׳ע מאכלים טעגליך. אין צוגאב צו א ביהמ״ד צום דאווענען, א ישיבה צום לערנען, א כשר׳ע מקוה. לויפנדיג פון איין לאגער צום צווייטן האט ר׳ מאַניס כסדר געמוטיגט אידן זיך צו שטארקן און אנהייבן א לעבן פון דאסניי. זיין עיקר פלאץ וואו ער האט זיך סטאנציאנירט איז געווען אין די שטאט באדגאסטיין, וואס איז פאר די מלחמה געווען דער דאטשע-ארט פון דעם צורר היהודים היטלער ימ״ש. ס׳איז דארט געווען א גרויסער באלקאן וואס איז געווען העכער ריזיגע וואסער פאלן, וואס אויף יענעם ארט איז דער רשע געזעסן מיט זיינע גענעראלן און פלאנירט זיינע פינסטערע פלענער. אלס נקמה האט ר׳ מאַניס ארגאניזירט יעדן מוצאי שבת א מלוה מלכה דוקא אויף יענעם באלקאן צו ווייזן א נצחון אין דעם רשע. ער האט געהאט מיט זיך אזא רבי״ש גארטל און געטריבן די פליטים צו טאנצן א רקידה אויף דעם באלקאן... ווער ס׳האט זיך אונטערגעפוילט ביים טאנצן האט געכאפט א שמיץ מיטן גארטל צו טאנצן העכער און מער לעבעדיג אלס נצחון אין היטלער׳ן. (עס איז נאך פארבליבן א איד לאויוש״ט וועלכער האט געהאט א גרויסן טייל אין די מלוה מלכה׳ס אין באדגעסטיין, ר׳ נתנאל ראדזינער שיחי׳, דער בונה

## הרה"ח ר' יודל לעפקאוויטש שליט"א דערציילט:

איך האב געטראפן ר׳ מאַניס אין סאטמארן ביהמ"ד דאהי. איך האב אים געקענט נאך פון עסטרייך, נאך די מלחמה, האב איך אים געפרעגט וואס ער זוכט דא, צי ער קען אונזער רבי׳ן דער סאטמאר רב?

האט ר׳ מאַניס מיר דערציילט אז ווען ער איז געווען א בחור האט ער אמאל מיט א גרופע בחורים באגלייט זיין רבי׳ן דער אמרי אמת פון גער זצ"ל אויף אפרוה אין איינע פון די שטעטלעך. דער רבי (רביה"ק זי"ע) איז נאך געווען א יונגערמאן און ער האט געמאכט א באזוך ביים אמרי אמת און אויפגעברענגט די טעמע פון די ׳אגודה׳. דער רבי האט געהויבן זיין קול און מיט ברען געזאגט זיין דעת תורה כדרכו.

דערציילט ר׳ מאַניס: "מיר בחורים זענען געשטאנען אינדרויסן, מיר האבן נישט געהאט קיין השגה ווער דער רב איז, דעריבער האבן מיר באשלאסן אז ווען דער רב וועט ארויס קומען ווען מען אים ׳מכבד׳ זיין ער זאל האבן צו געדענקען פאר די חוצפה אזוי צו רעדן קעגן מיין רבי׳ן וואס איז געווען דער גרעסטער רבי אין גאנץ פוילן.

"מיר האבן אבער געמוזט טוישן אונזער החלטה, ווען מיר האבן געזען ווי נאך דעם באזוך האט דער אמרי אמת אים ארויסבאגלייט מיט גרויס כבוד ביז אינדרויסן, האבן מיר פארשטאנען אז די רעדע איז נישט פון סתם א רב וועלכע רעדט מיט חוצפה צום אמרי אמת. "נו, פירט אויס ר׳ מאַניס, "אז מיין רבי האט אים אזוי ארויסבאגלייט מיט כבוד, זאל איך נישט קומען מיטהאלטן א שבת מיט אים?..."

נאך די מלחמה אין עסטרייך. ר׳ מאַניס האט פארגעווארפן ר׳ יצחק מיט א שארפקייט: "דער סאטמאר רב האט נישט בעסער וואס צו טון נאר צו בארעדן אידן?!". ר׳ יצחק האט געשוויגן וויסנדיג אז ס׳איז נישט מעגליך אין איין ווארט צו ענפערן די גאנצע שיטה הקדושה פאר א איד וואס איז אויפגעצויגן געווארן אלע יארן אונטער דעם גייסט פון די אגודה.

*

עס איז אריבער א שטיק צייט. ר׳ מאַניס וועלכער איז געווען פון פאך אויס א בעקער האט זיך אויך אפגעגעבן אלע יארן מיט חינוך אנגעלעגנהייטן, און פלעגט כסדר פארן פון בני ברק קיין תל אביב צו פארהערן גרעסערע ת"ת קינדער אין א מוסד וואס איז געווען אונטער דעם אויפזוכט פון ׳חינוך עצמאי׳. אין יענע צייטן האט מען דורכאויס דעם וועג פון בני ברק ביז צום מוסד אין תל אביב געדארפט טוישן די באסעס עטליכע מאל אינצווישן, אזוי האט ר׳ מאַניס זיך געשלעפט פון איין באס צום צווייטן מיטן ציל אנצוקומען צו די ת"ת וואו ער האט געדארפט פארהערן די קינדער.

איינמאל ווען ר׳ מאניס איז געזעסן אויפן באס אונטערוועגנס, האט ער מיטגעהאלטן ווי צוויי יונגען האבן זיך צולאזט אין א שלעגעריי. ר׳ מאַניס האט געזען ווי די צוויי יונגען שלאגן זיך מיט די פויסטן איינער קעגן צווייטן, איז ער גלייך צוגעלאפן צו זיי און אפגעטיילט מיט די האנט אז זיי זאלן זיך נישט קריגן. רופט זיך אן איין יונג אויף די העברעאישע שפראך: "הוּא הִתְקִיף אוֹתִי" (ער האט מיר אנגעגריפן = צוערשט געשלאגן). ר׳ מאַניס האט פרובירט שלום צו מאכן צווישן זיי, און אנקומענדיג צו זיין דעסטינאציע איז ער אראפ פון באס.

ר׳ מאַניס קומט אריין אין די תלמוד תורה צו פארהערן די קינדער. ער מישט אויף א גמרא און הייבט אן צו פארהערן די קינדער. ער הייבט אן מיט איין קינד ווייזנדיג מיטן פינגער: "זאג די גמרא, מתקיף אביי לרבא" (האט אביי געפרעגט אויף רבא). רופט זיך אן דאס קינד די טייטש אויף העברעאיש: "אַבַּיֵי הִתְקִיף לְרַבָא"... ר׳ מאַניס, א קאכעדיגער חסידישער איד, האט אויפגעשפרינגען מיט אויפברויז: "הייסט דאס ווען צוויי יונגען קריגן זיך אויפן אויטאבוס איז דאס "הִתְקִיף", און די הייליגע גמ׳ מתקיף אביי לרבא איז דער זעלבער "הִתְקִיף"?

ער האט האסטיג פארמאכט די גמרא און זיך אנגערופן: "איך גיי גרינדן א אייגענע גערער ישיבה וואו מ׳וועט לערנען אויף אידיש". ער האט ארויסגענומען א מטבע פון טאש (25 אגורות - ווי א קוואדער) און אויסגערופן: "דאס איז די ערשטע מטבע פאר א נייע מקום תורה אויף אידיש"!

באלד האט ר׳ מאַניס אנגעהויבן זיין עסקנות צו גרינדן א ישיבה אין בני ברק וואו מ׳זאל לערנען אויף אידיש. ער האט אבער שנעל איינגעזען אז צו דעם צוועק וועט ער מוזן ארויספארן קיין חוץ לארץ צו שאפן

געלט. אין יענע טעג האט ער פריש אנגעטראפן זיין פריינט ר' יצחק דייטש ע"ה און אים דערציילט אז ער פארט קיין אמעריקא וייל ער וויל גרינדן א ת"ת אויף אידיש צוליב די מעשה פון "התקיף"... ר' יצחק וועלכער האט גוט געדענקט דעם שארפן אויסדרוקן וואס ר' מאַניס האט געזאגט בשעתו ווען דער ויואל משה איז ארויס געקומען לאור עולם, האט אים גלייך געזאגט: "לחיים ולשלום, פארט געזונטערהייט, אבער אז איר זענט שוין סיי ווי אין אמעריקא, וואלט געווען כדאי אז איר זאלט אריין גיין צום סאטמאר רב און פארציילן די מעשה פון "התקיף", איך גלייב אז ער וועט אייך העלפן".




**רבי מאַניס טרעט אויף ביים חנוכת הבית פון די גערער ישיבה**

ר' מאַניס האט גענומען דעם וואנדער שטעקן און זיך ארויסגעלאזט קיין אמעריקא

## הרה"ח ר' יעקב עסטרייכער שליט"א
## מראשי קהלתינו הק' קהל יטב לב ד'סאטמאר
## אין לאנדאן דערציילט:

ר' מאַניס איז נאך די מלחמה געווען אין עסטרייך אין לאגער בינדערמיכל. ער איז געווען א גרויסער עסקן און אסאך געטון צוריק אויפצובויען אידישקייט. זייענדיג א מיטגליד אין די אגודה פארטיי איז איינס פון זיינע פעולות געווען איינצורעדן אידן אז זיי זאלן עולה זיין קיין א"י. מיין טאטע ר' משה אלי' עסטרייכער ע"ה האט זיך כסדר מתוכח געווען אז מ'טאר נישט פארן קיין א"י, זייענדיג א פייערדיגער מונקאטש'ער חסיד וואס דורך משנתו פון הגה"ק בעל מנחת אלעזר זי"ע האט ער גוט געוואוסט דעם חומר הענין פון קליפת הציונית און זייערע נאכשלעפער. ר' משה אלי' האט פרובירט משכנע זיין אידן זיי זאלן נישט פארן קיין א"י נאר קיין אמעריקע אדער ענגלאנד.

אין טאג האט ר' מאַניס געשריגן אויף ר' משה אלי', ציינגדיג אויף כ"ק אדמו"ר מטאהש שליט"א וועלכע איז נאך דאן געווען א בחור: "אים הייסטו פארן קיין קאנאדע? ער וועט פארן אהין, ער וועט זיך חלילה אפשניידן די פיאות דארט..." (די שריפטן קיין קאנאדא איז געווען לייכטער צו באקומען ווי קיין אמעריקע). ר' מאַניס האט געגלייבט אז צו זיין א ערליכע איד קען מען נאר אין א"י, ווידער אין אמעריקע איז נישט מעגליך צו בלייבן א איד. (אזוי איז דאן טאקע געווען אין אמעריקע אין יענע תקופה, בעפאר דער רבי זי"ע איז אהער געקומען).

יארן שפעטער איז ר' מאַניס געווען אין אמעריקע (ביי אט די נסיעה נאך געלט פאר זיין מוסד), ער איז אנגעקומען קיין וויליאמסבורג און געזען חסידישע אידן מיט די גאנצע טראגע, חסידישע קינדער מיט לאנגע פיאות, איז ער כמעט צוזאמען געפאלן אויפן ארט. ער האט זיך דאס קיינמאל פארגעשטעלט אז אין אמעריקע זאל מען קענען באוויזן צוריק צו שטעלן אידישקייט פונקט ווי אמאל, און נאך אסאך שענער ווי די אלע עליות קיין א"י, וואס דאן האט ער שוין ליידער געוואוסט וויפיל אידישע קינדער זענען דארט פארפאלן געגאנגען.

ר' מאַניס איז אריבער געקומען אין שטוב פון ר' משה אלי' און אים איבער געבעטן, און פון טיפן הארצן געזאגט: "איך האב קיינמאל נישט געגלייבט וואס איך זעה דא מיט מיינע אויגן. אזא אידישקייט. קינדער מיט לאנגע פיאות, און אידן אזוי ערליך און אזוי בצניעות". יעצט זעה איך אז איר זענט גערעכט געווען מיטן שיקן אידן קיין אמעריקע.

ומקים און מייסד פונעם מוסד 'אש דת' אין בני ברק).

די ימים טובים דארט זענען געפראוועט געווארן מיט אויסטערלישן פייערליכקייט. פסח ביינאכט נאכן סדר ווען עס זענען אנגעקומען פרישע 300 (דריי הונדערט!) פליטים וועלכע האבן נישט געהאט קיין מצות צום סדר, האט ר' מאַניס אויסגעשריגן: "לאמיר גיין באקן פרישע פסח מצות". אויפן ארט זענען ר' מאַניס מיט זיינע מענטשן ארויס צו באקן פרישע מצות פאר די נארוואס געקומענע פליטים.

א דוגמא פון זיין שטארקן כאראקטער איז געווען ווען אין איינע פון זיינע סכנה'דיגע נסיעות צווישן די לאגערן איז געשען א געפערליכע עקסידענט ר"ל וואו ר' מאַניס איז ארויס צוקלאפט און צובלוטיגט קוים מיטן לעבן. מ'האט אים אין איילעניש אריין געפירט אין שפיטאל, דער דאקטער האט געזען זיין פאציענט ליגנדיג האלב טויט אויפן בעטל האט ער זיך אנגערופן צו די ארומיגע, אז לויט ווי ס'זעט אים יעצט קען דער איד נישט לעבן צו לאנג, אפשר נאך עטליכע שעה. ר' מאַניס וועלכע האט געהערט יעדעסווארט האט זיך מיט זיין לעצטע ביסל כח אויפגעהויבן פון קישן און אויסגעשריגן: "הער דאקטאר! איך שטארב נאך נישט אזוי שנעל"...!

אויפבויענדיג פרישע שטיבער האט ר' מאַניס געפירט טעגליך צו די חופה אנדערע אידן וועלכע זענען געקומען בחופה וקידושין כדת משה וישראל מיט די שטיצע און מאראל וואס ער האט אריינגעבלאזן. איינע פון די חופות איז געווען ר' מאַניס זעלבסט וועלכער האט פארלוירן זיין אשת נעורים מיט זעקס קינדער הי"ד. גייענדיג צו די חופה האט ר' מאַניס באוויינט זיין פארלוירענע שטוב זאגנדיג מיט געוויין: "איך וואלט יעצט געדארפט אונטערפירן מיין עלצטע זון יוסף משה צו די חופה, און יעצט פירט מען מיך אליין צו די חופה". אבער! מ'גייט!

אנקומענדיג קיין א"י איז ר' מאַניס גלייך אריינגעשפרינגען אין פעלד פון עסקנות, זייענדיג א געוויקטער חסיד לבית גער, האט ער גלייך צוגעטרעטן צו שטיין צו הילף פון זיין רבי'ן דער אמרי אמת זצ"ל, און אפגעפאנגען בויען שטובלעך אין בני ברק. דער גולת הכותרת איז געווען דער גרויסער בנין "ישיבת אמרי אמת" וועלכע טראגט נאך היינט דעם נאמען פון ר' מאַניס, וואו ער איז געשטאנען אליין ביי יעדן ציגל ביז דער בנין איז פארטיג געווארן. בעיקר איז געווען זיין מסירות נפש אז אידישע קינדער זאלן לערנען אויף די אידישע שפראך (ווי געשילדערט אינעם ארטיקל). וואס צוליב דעם איז ער געגאנגען גלות ליידן קיין אמעריקא צו שאפן געלט אויפצובויען אזא מוסד אויף אידיש, ער איז אלע יארן געווען דער טאטע און די מאמע פון די ישיבה, ער האט אינזינען געהאט יעדן פרט און דעם וואוילזיין פון יעדע בחור האט פארנומען א פלאץ אין זיין ווארעם הארץ.

עס דערציילן די דעמאלט'דיגע תלמידי ישיבת סלאבאדקא, ווי הרב יוסף חיים בלוי—רב באשקלון, הרב אברהם דוב אויערבאך—רב בטבר', און נאך, אז איין טאג האבן זיי באמערקט ווערים אין די ברויט פון די ישיבה, זענען זיי אריבער געלאפן צו ר' מאַניס דער בעקער אין די בעקעריי מיט א טענה אז מ'טרעפט ווערים אין די ברויט. נאך בעפאר די בחורים האבן זיך געעפנט דאס מויל האט זיי ר' מאַניס געפרעגט "בחורים, וואס לאַרנט עטץ?".

די בחורים האבן זיך אנגעקוקט איינער דעם צווייטן, א בעקער מיטן ווייסן פארטוך וויל וויסן וואס מיר סלאבאדקא תלמידים לערנען..."נו? וועלכע מסכת?" פרעגט ר' מאַניס, די בחורים האבן געענפערט מס' בבא בתרא.

גלייך האט ר' מאַניס זיך אריינגעלאזט אין א תורה'דיגן שמועס מיט די בחורים א האלבע שעה אהין און צוריק. ס'האט זיך געווארפן שווערע תוספות'ער, ראשונים און אחרונים, הערשט דערנאך האט ער געפרעגט די בחורים וואס זיי ווילן, האבן זיי געזאגט אז מ'טרעפט ווערים אין די ברויט. "אפשר זיפט מען נישט די מעל?" פרעגן זיי. האט ר' מאַניס געזאגט: "ניין, מיר זיפן דעם מעל, די ווערעם קומט מסתמא פון ענקער ברויט שניידער אין ישיבה וואס מ'האט נישט געפוצט פאר א לענגערע צייט". די בחורים זענען צוריק געגאנגען אין די ישיבה און בודק געווען דעם ברויט מאשין און טאקע געטראפן פול מיט ווערים.

זיינע כסדר'דיגע אויפטריטן און באַחנ'טע דרשות ווערן געדענקט לדורות עולם, ווי אויך זיינע ווארעמע תפילות אלץ ש"ץ ימים טובים און שיינע שבתים. ביי יעדע שמחה און ביי יעדע מסיבה וואו ר' מאַניס האט ערשיינט איז געווען כל כולו חיות, כאטש וואס ער אליין האט נעבעך נישט זוכה געווען נאכאמאל צו זען פרישע דורות.

עס קומט א טרער ווען מ'זעהט די דברי הספד וואס ר' מאַניס האט געזאגט ווען ער האט באגלייט זיין אשת חיל צו איר רוה. מיט בכיות האט ער אויסגעשריגן: "קראו למקוננות, רופט די אלע וואס קענען וויינען. איך בין געבליבן אליין אן קיין שום קרוב, אן קיין שום גואל, ס'איז נישטא קיין שום משפחה וואס קען אונז באוויינען, מ'דארף רופן אנדערע זאלן וויינען, קראו למקוננות!". דא האט ר' מאַניס געעפענט זיין מגילת איכה און געזאגט אז ער איז יעצט מספיד זיינע אייגענע זעקס קינדער מיט זיין ווייב'ס פיר קינדער וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש ה'. "ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל, זאגט דער מדרש קשה עלי מיתתה של רחל מכל הצרות הבאות עלי. יעקב אבינו האט געזאגט, עס איז מיר שווערער רחל'ס טויט ווי אלע צרות וואס זענען אויף מיר פאריבער". האט ר' מאַניס אויסגעפירט מיט א געוויין: "די צדיקת "רחל" (זיין ווייב) מיט איר פטירה האב איך אלעס פארלוירן!".

א יאר דערויף ר"ח שבט תשמ"א איז אוועק ר' מאַניס, איבערלאזנדיג פילע גוטע פריינד וועלכע געדענקען זיינע פעולות לטובה עד היום הזה. **יהא זכרו ברוך.**

אנצוקלאפן על פתחי נדיבים מיט די האפענונג צו גרינדן א ת"ת אויף אידיש. ער האט אויך גענומען די פאר מינוט צייט אריין צו גיין בקודש פנימה צום רבי'ן זי"ע, דער רבי האט אים אויפגענומען בצהלת פנים און געפרעגט וואס ער טוט דאהי, האט ער גלייך געענפערט מיט זיין פוילישן אידיש "איך בין געקומען גרינדען א גער'ער תלמוד תורה אויף אידיש!", און גלייך דערציילט פארן רבי'ן די מעשה וואס ער האט געהאט מיט דעם "אַבַּיֵי הִתְקִיף לְרַבָא"... דער רבי האט זיך שטארק צושמייכלט.

דער רבי האט אים גלייך געזאגט אז אין אמעריקע וואקסט נישט קיין געלט אויפן בוים, און אז ער וועט זיך דארפן דרייען דא א לענגערע תקופה. דער רבי האט אים געבעטן ער זאל צוריק קומען שפעטער, ווייל ער וויל זיך אויך משתתף זיין מיט א נתינה.

א וואך דערויף איז ער געווען ביים רבי'ן, און איז שטארק איבערראשט געווארן ווען דער רבי האט אים געגעבן די סומע פון פינף טויזנט דאללער, א ריזן סומע אין יענע צייטן. דער רבי האט אים אבער צוגעלייגט, אז אין די קומענדיגע וואכן זאל ער צוריק קומען נאכמאל. ר' מאַניס איז צוריק געקומען נאכאמאל און דער רבי האט מקיים געווען דעם "נתן תתן", אזוי האט זיך דאס איבערגעשפילט עטליכע מאל, ביז ס'האט זיך אים אנגעקליבן די דאן-געוואלדיגע סומע פון 15 טויזנט דאללער וואס ער האט באקומען פון רבי'ן. אזוי האט ר' מאַניס געהאט א באדייטענדע סומע אין די האנט, וואס אינאיינעם מיט אנדערע נתינות וואס ער האט פארשאפט אין אמעריקע האט דאס אים ערמעגליכט אנצוהייבן בויען דעם מוסד וואו מ'האט פארגעלערנט אלע יארן אויף די אידישע שפראך.

אין די תקופה וואס ר' מאַניס האט געוויילט דאהי אין אמעריקא האט אים דער רבי פארבעטן ער זאל קומען פסח צום הייליגן סדר נאכט צו זיין סמוך לשלחנו. ווי באקאנט האט דער רבי זיך שטארק געקליבן די געסט ווער ס'איז ראוי צו זיצן ביי זיין סדר טיש, אבער ר' מאַניס האט זוכה געווען דערצו, ווייל דער רבי האט אנערקענט זיין מסירות נפש פאר אן ערליכן חינוך.

א לענגערע צייט האט ר' מאַניס געוואנדערט אין גלות אמעריקא צו שאפן די נויטיגע פאנדן צו בויען דעם מוסד. ער איז במשך די צייט אריין געפאלן אין בעט מיט א רויז וואס האט אים געברענגט א שטארקע אינפעקציע אז ער האט געמוזט גיין אין שפיטאל פאר באהאנדלונגען.

ווען ער איז צוריק געקומען קיין בני ברק האט ער זיך נאכאמאל געטראפן מיט ר' יצחק דייטש, האט אים ר' מאַניס געזאגט די פאלגנדע ווערטער: "מיט אזא צהלת פנים וואס דער סאטמאר רב האט מיך מקבל פנים געווען, מיט אזא צורה, מעג ער שרייבן אזא שארפע ויואל משה!".

אויף אזא הייליגע הנהגה לאזט זיך זאגן "כמה גדולים מעשה חייא שעשה לתורה שלא תשתכח מישראל". (חיי"א איז נוטריקון דעם רבי'נס נאמען: רבינו י'ואל בן ח'נניא י'ום טוב), ווי דער רבי האט מיט זיינע הייליגע פעולות צוגעהאלפן צו גרינדען א תלמוד תורה אין די שטאט בני ברק וואו מ'לערנט תורה אויף אידיש, און ווי שטארק ס'איז געווען מצודתו פרוסה אפילו אין אנדערע קרייזן, און ער האט אויף גארנישט געקוקט ווען ס'איז געקומען צו טוהן פאר כבוד שמים.



## היטלער'ס באַלקאָן

היסטארישער בילד: רבי נתנאל ראדזינער מיט נאך א איד אויף דער באלקאן פון וואו היטלער ימ"ש פלעגט מיט זיינע גענעראלן אויסארבעטן זיינע מלחמה פלענער. רבי מאַניס האט מקפיד געווען צו מאכן יעדן מוצש"ק א גרויסע מלוה מלכה אויף די דאזיגע טעראסע, וואו די אודים מוצלים מֵאֵש האבן אפגעגעבן א שבח והודי' מיט טאנץ און געזאנג, געפייערט נצחון אין דעם צורר היהודים!

# להחיות נפש צדיק

הנני להודיע בשער בת רבים לכבוד אנ"ש החשובים והיקרים,

# שב"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

יקבל פני הנדיבים החשובים לברך ולהתברך

**ולתרום את תרומת ה' לטובת ישיבתינו הק'**

**במשך שבוע זו**
**משעה 8:00 עד שעה 11:00**
בביתו נאוה קודש
**12 אוהעל קט.**

**יום ה' ראה**
**משעה 6:00 עד שעה 8:00**
בביתו נאוה קודש
**5 צאנז קט.**

**ערש"ק כ"ו אב**
**משעה 12:00 עד שעה 2:00**
בביתו נאוה קודש
**5 צאנז קט.**

## לרגל המגבית השנתי לטובת ישיבה"ק

פועל'ט אלעס גוט'ס

**יומא דהילולא קדישא**

# ומגבית השנתי

**בביהמ"ד הגדול בקרית יואל - ה' ראה כ"ו אב תשע"א**

# רבנים, ראשי ישיבה

עס איז אונז היי יאר ב"ה געלונגען מסדר צו זיין א

## באזונדערע אריינגאנג

אויף צפונית מזרחית פון ביהמ"ד

פאר די חשובע רבנים, ראשי ישיבה, זקנים, און פני העדה.
וואו עסקנים וועלן אפווארטן מיט כבוד און צושטעלן א מקום מכובד.

# בע"ב גדולי תומכי ישיבתינו

ווי אויף די גדולי תומכי ישיבתינו הק' וועלן ווערן אפגעווארט
ביי די אריינגאנג - צפונית מזרחית פון ביהמ"ד און צוגעפירט
ווערן צו זייערע פלעצער דורך די חשובע עסקנים.

השי"ת זאל העלפן אז מען זאל פועלן ישועות ורפואות און דער זכות פון רביה"ק זאל מגין זיין געהאלפן צו ווערן
בכל מילי דמיטב און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה און צו די גאולה שלימה ומלכינו בראשינו בב"א.

הנהלת הישיבה

# סעודת הילולא ומגבית השנתי

**בביהמ"ד הגדול בקרית יואל - ה' ראה כ"ו אב תשע"א**

# וויכטיגע אנווייזונגען
## אין בעפארגרייטונג צום סעודת הילולא רבתי

- צוליב וואס דער סעודת הילולא איז איינס פון די צענטראלסטע צוזאמקומפטן פון אנ"ש דורכאויס דעם גאנצען יאר, און אין די פריערדיגע יארן האט זיך געמאכט, אז צוליב דעם ריבוי עם בליעה"ר איז אין די שפעטערע שעות שוין נישט געווען קיין ליידיגע זיץ פלעצער איבערן גאנצען ביהמ"ד, האבן מיר היי-יאר מסדר געווען פארשידענע תיקונים וואס מיר האפן אז עס וועט עטוואס לינדערן דעם מאנגל אין פלאץ אין ביהמ"ד הגדול
- דער גאנצער ביהמ"ד צוזאמען מיט די היכלי הפאליש וועט זיין אויסגעלייגט מיט טויזנטער זיץ פלעצער, און עס וועט בעזהשי"ת היי-יאר זיין צוגעלייגט נאך הונדערטער זיץ פלעצער, צו קענען אקאמאדירן דעם גרויסן ערווארטעטן ציבור בליעה"ר.
- דער מיטעלסטער טיש, און די פלעצער אויף די פאדערשטע רייען, זענען רעזערווירט פאר די זקני קהלתינו הק', און ראשי הקהלה והמוסדות פון איבעראל. די זיץ פלעצער איבערן גאנצען ביהמ"ד איז אויסשליסליך רעזערווירט פאר בעלי בתים און אברכים פון אומעטום. פאר בחורים און קינדער איז בשום אופן נישט ערלויבט זיך צו זעצן ביי די טישן. (עס וועט שטרענג פארסירט ווערן!).
- פאר די רבנים, מרביצי תורה ומורי צדק, ווי אויך פאר די ראשי ופני קהלתינו הק', חברי הנהלות מוסדותינו הק' און פאר די נדיבים בעם גדולי תומכי ישיבתינו הק', איז ספעציעל צוגעשטעלט דער ארייגאנג פון "מזרחית-דרומית". עסקנים וועלן זיך געפונען אויפן ארט, אויפצונעמען און מכבד זיין יעדן איינעם כפי ערכו וכבודו הרם.
- פאר די בחורי חמד תלמידים פון די סאטמארער ישיבות איבער גאנץ ניו יארק, איז צוגעגרייט א סעודה רחבה כיד המלך אינעם עסזאל פונעם היכל הישיבה, און די סעודה אין ביהמ"ד הגדול איז צוגעשטעלט "נאר" פאר די באטייליגטע בעלי בתים און אברכים.
- עס וועט היי-יאר זיין צוגעגרייט מערערע פארענטשעס ווי אין די פריערדיגע יארן, ספעציעל פאר די בחורים און עלטערע קינדער, און מיר בעטן נאכאמאל, אז די בחורים און קינדער זאלן זיך שטעלן דייקא אויף זייערע באשטימטע פלעצער, כדי עס זאל ארויסקומען א קידוש שם שמים פון דעם מעמד מרומם.
- א שטאב מיט עסקנים וועלן אפווארטן דעם ציבור, און יעדן איינעם אויפנעמען בכבוד הראוי. מען וועט יעדן איינעם צוטיילן א זיץ-פלאץ איש על מחניהו ואיש על דגלו, און צוברענגען די סעודה צום פלאץ, ווי-ווייט מעגליך.
- מיר בעטן יעדן איינעם זייער זיך צו האלטן צו די פאראדנונגען פון די עסקנים כדי מיר זאלן יעדן איינעם קענען אויפנעמען בסבר פנים יפות כראוי וכיאות.

ויהא רעווא שזכות רביה"ק בעל ההילולא יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן

הנהלת הישיבה

# הוצאות פרייע
# חודש תשרי
## ווערד פון טויזנטער דאלארן






**העלפט ארויס ישיבתינו הקדושה אין די איסנאם שווערע מצב!**

**$576** תומכים אינעם קונה עולמו קאמפיין וואס זענען איסגעצאלט ביז חודש תשרי, אדער האבן זיך משתתף געווען במשך דעם פאראגאנגענעם יאר מיט $576

**$250** אדער מיט'ן זיך משתתף זיין צום יערליכן מגבית מיט לכל הפחות $250 קעש

**פאר מער אינפארמאציע איבערן גורל פארבינד אייך מיט אונזערע עסקנים:**
**ק"י - מאנסי** חיים שלמה קרויס 845-537-1848 **ברוקלין** חיים מענדל פרידמאן 347-304-0838